STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07784

FUNVANEN SHTAMT DER MENTSH

G. Gurev

*Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Joseph Goldman
in memory of
Charna Malamud Goldman*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ג. גורעוו

פונוואנען שטאמט דער מענטש

מעלוכע־פארלאג „דער עמעס"
מאָסקווע 1940

Г. Гурев.
ОТКУДА ПРОИЗОШЕЛ ЧЕЛОВЕК
Редактор *И. Лев.*
Техн. редактор *А. Фридкин.*
Корректор *Л. Кенигсберг.*

Сдано в набор 23/VII—1939 г. Подписано к печ. 30/XII 1939 г. Формат бумаги $60 \times 92^1/_{16}$. Печ. листов 5. Уч. изд. 6,1. Тираж 3000. Государственное издательство „Дер Эмес“ №269. Уполномоченный Главлита РСФСРА—22061. Заказ № 591. Цена 1 руб.

17-я ф-ка нац. книги Огиз'а РСФСР треста „Полиграфкнига“, Москва, Шлюзовая наб., д. № 10.

I. לויט דער טוירע נאָכ אָדער לויט דער וויסנשאפט?

וואָס לערנט די טוירע?

וויאזוי האָט זיכ באוויזנ דער מענטש אפ דער וועלט? פונוואנענ האָט זיכ גענומענ דער מענטשלעכער מינ? וואָס פאר אנ אָרט פארנעמט ער אינ דער לעבעדיקער נאטור?

פאר א מענטשנ אנ אומקולטורעלנ, א ניט-אנטוויקלטנ, וואָס גלייבט אלצ, וואָס די גײַסטלעכע דערציילנ אימ, זעט אויס די דאָזיקע פראגע צו זײַנ זייער פאָשעט. די גאנצע וועלט אונ אלצ, וואָס עס לעבט אפ דער וועלט, ווײַזט זיכ אימ אויס, האָט געשאפנ עפעס אנ אלמעכטיק וועזנ, וואָס קיינער איז ניט אימשטאנד עס צו זענ — גאָט. דעריבער רעכנט ער, אז אויכ די ערשטע מענטשנ זײַנענ אופגעקומענ אפ אנ אומנאטירלעכנ אויפנ: גאָט, הייסט עס, האָט אינ די אוראלטע צײַטנ באשאפנ אונדזערע אורעלטערנ אונ האָט זיי געגעבנ די מעגלעכקײַט זיכ צו פרוכפערנ אונ מערנ.

די גײַסטלעכע ריידנ אײַנ די גלייביקע מענטשנ, אז דער מענטש איז אופגעקומענ אזוי, ווי דאָס ווערט דערציילט אינ דער טוירע. אינ דער טוירע שטייט: „אונ באשאפנ האָט גאָט דעמ מענטשנ פונ שטויב פונ דער ערד. אונ ארײַנגעבלאָזנ האָט ער אינ זײַנע נאָזלעכער דעמ אָטעמ פונ לעבנ, אונ געוואָרנ איז דער מענטש א לעבעדיקער נעפעש“. דערבײַ האָט גאָט באשאפנ דעמ מענטשנ „לויטנ געשטאלט אונ מוסטער זײַנעמ“, אונ דעמ דאָזיקנ ערשטנ מענטשנ האָט ער א נאָמענ געגעבנ „אָדאָמ“.

לויט דער טוירע קומט אויס, אזוי ארומ, אז אלע מענטשנ שטאממענ פונ אָדאָמענ; אָדאָמענ ווידער האָט באשאפנ גאָט אליינ, „דער אלמעכטיקער מײַסטער פונ דער נאטור“, ווי די גײַסטלעכע ווילנ אונדז אײַנריידנ.

די טוירע איז געשריבנ אפ העברעיִש. אפ העברעיִש באטײַט דאָס וואָרט אָדאָמ—ערד, ליימ. הייסט עס, אז דער נאָמענ „אָדאָמ“ באטײַט ערדיקער אָדער ליימענער.

אלזאָ, קומט אויס לויט דער טוירע (ביבל), אז דעמ ערשטנ מענטשנ האָט גאָט באשאפנ פונ א שטיק ערד אָדער ליימ. ניט געקוקט דערופ, האלט זיכ דער גלײַביקער מענטש גרויס אנטקעגנ די כײַעס. ער וויל ניט הערנ דערפונ, אז ער קער זיכ אָנ מיט די כײַעס א שטיק קאָרעוו: ער גלייבט, אז דער מענטש — דאָס איז

גאָטס „געשטאַלט“, „א מוסטער פונ דעמ שעפער פונ דער וועלט“. די רעליגיע לערנט, אז דעמ מענטשנ האָט גאָט באשאפנ באזונדער פונ די איבעריקע לעבעדיקע באשעפענישנ און אז אופגעקומענ איז ער אינ רעזולטאט פונ א ספּעציעלנ „שעפערישנ און געטלעכנ אקט“.

צי איז די ביבל א הייליקער בוך?

פאַרוואָס זשע רעכנט זיכ דער גלייביקער מיט דער ביבל און באמערקט ניט די גרויסע ווידערשפּרוכנ, וואָס די ביבל איז מיט זיי פול? פאַרוואָס קוקט ער אפּ איר מיט שרעק און מיט אזא גרויסנ אָפּשײַ? דערפאַר, וואָס אינ דעמ דאָזיקנ „הייליקנ סייפער“, — האלט ער, — געפינט זיכ דער „געטלעכער“ עמעס. די טוירע, רעכענענ די גלייביקע, איז דער סאמע וויכטיקסטער בוך אפּ דער וועלט, ווײַל זי איז קלוימערשט „אָנגעהויכט פונ גאָט“. די טוירע, הייסט עס, איז צונויפגעשטעלט ניט אזוי ווי אנדערע ביכער, נאָר גלײַכ ווי געשריבנ האָט זי גאָט אליינ אָדער גאָטס באפולמעכטיקטער — „מוישע ראַביינו“.

אינ טאלמוד שטייט: „זאָלסט קערעווענ די טוירע און מישנ זאָלסטו זי, מאַכמעס אלצ איז אינ איר, קוק אפּ איר, ווער גרוי און אלט איבער איר, און פונ איר — זיכ ניט ריר“.

אפּ דעמ זעלבנ שטאנדפּונקט שטייט אויכ דאָס קריסטנטומ. איינער פונ די סאמע אלטע „פאָטערס“ פונ דער קריסטלעכער קירכע, דער „הייליקער“ אווגוסטינ, האָט געשריבנ: „קיינ שומ זאכ קאָנ זיכ ניט גלײַכנ לויט איר איבערצײַגונגס-קראפט מיט די הייליקע שריפטנ. די דאָזיקע שריפטנ זײַנענ איבערצײַגעוודיקער, איידער אלע אנטפּלעקונגענ פונ דעמ מענטשלעכנ סייכל“.

די זאכ באשטייט אָבער דערינ, וואָס אלצ, וואָס אינ דער ביבל שטייט, האָט אויסגעטראכט דער מענטש און די ביבל גופע האָבנ צונויפגעשטעלט פאַרשיידענע מענטשנ אינ פאַרשיידענע צײַטנ. די ביבלישע מײַסע וועגנ דעמ אופקומ פונ דעמ ערשטנ מענטשנ איז ניט מער, ווי אנ אויסטראכטעניש פונ די גײַסטלעכע. די מײַסע איז אופגעקומענ מיט זייער א סאכ יאָרנ צוריק, ווענ מענטשנ זײַנענ נאָכ געווענ אומוויסנד און אומבאהאָלפנ קעגנ די קויכעס פונ דער נאטור. פונ זינט די מענטשנ האָבנ באהערשט די קונסט פונ מאכנ טעפּ און האָבנ אָנגעהויבנ פאַרגרייטנ פאַרשיידנ הויז-געשיר פונ ליימ, האָט זיכ זיי אָנגעהויבנ דוכטנ, אז דער מענטש איז אויכ עפּעס א שטיקל ארבעט פונ איינעמ א מײַסטער און אז געשאפנ איז דער מענטש פונ „שטויב פונ דער ערד“, פונ ליימ.

אזעלכע מײַסעס וועגנ דעמ, אז דער מענטש איז אנטשטאנענ פונ שטויב, דאָס הייסט פונ דער ערד אָדער, ריכטיקער געזאָגט, פונ ליימ, קאָנ מענ באגעגענענ בא פיל אוראלטע פעלקער; מע טרעפט זיי אויכ אינ אונדזער צײַט בא די ווילדע מענטשנ. די עגיפּטער (מיצרימ), למשל, האָבנ געגלייבט, אז דער גאָט כנומ האָט באשאפנ די ערשטע מענטשנ פונ ליימ און דערנאָכ האָט ער אינגעמ מיט דער געטנ סעכט ארײַנגעאָטעמט אינ זיי לעבנ.

אפנ זעלבנ שטייגער האָבנ זיכ פאָרגעשטעלט די באשאפונג פונ די ערשטע מענטשנ די אמאָליקע באָוולער, אסיריער, סומעריער און אנדערע פעלקער מיט א

צײַט פריִער, נאָכ אײדער די ייִדנ האָבנ זיכ באַזעצט אינ „לאַנד קנאַאַנ“. די באָוולער זײַנענ געווענ נאָענט צו ייִדנ לויט דער שפּראַכ אונ געלעבט האָבנ זיי בײַשכײנעם מיט די ייִדנ, דער גלויבנ בלויז איז געווענ בא זיי אַנ אַנדערער אײדער בא ייִדנ.

וואָס זשע דרינגט דערפונ ארויס? דערפונ דרינגט ארויס, אז די ביבלישע מײַסע וועגנ דעם, וויאַזוי עס איז באַשאַפנ געוואָרנ דער מענטש, איז צום אַלעמערשטנ אופגעקומענ ניט בא דעם „אויסדערוויילטנ“ פאָלק יִיסראָעל, ניט בא זײַנ לעגענדאַרישנ רעליגיעזנ אָנפירער „מוישע ראַבײנו“, נאָר בא די „זינדיקע“ געצנדינער — בא די באָוולער.

אַנדערש גערעדט: די ייִדנ האָבנ איבערגענומענ די ביבלישע לעגענדע וועגנ דעם אָפּשטאַם פונ דעם מענטשנ בא א סאַכ אַנ עלטער פאָלק, — בא די באָוולער. הײַנט ווי קאָנ מענ רעכענענ, אז די ביבל איז א הייליקער בוכ אונ אז די מײַסע וועגנ אָדאָמענ איז א געטלעכער עמעס? געוויס — ניט!

ביים די געלערנטע האָבנ געמאַכט אויסגראָבונגענ פונ די רויִנעס (כורבויִנעס) פונעם אַמאָליקנ באָוול, זײַנענ זיי דערגאַנגענ, אז די ביבלישע באָבעמײַסע וועגנ דעם, אז דער מענטש איז באַשאַפנ פונ „ערד“, שטאַמט פונ גאָר אַלטע לעגענדעס. ביים די אויסגראָבונגענ האָט מענ געפונענ ביז גאָר רײַכע ביבליאָטעקנ, אָבער ניט פונ ביכער (קיינ פּאַפּיר איז נאָכ דאַנ ניט געווענ), נאָר פונ אָנ א שיר לײמענע ברעטלעכ מיט באָוולשע אופשריפטנ. די געלערנטע האָבנ לאַנג געשטודירט די דאָזיקע אופשריפטנ, ביז זיי האָבנ זיי סאָפּקאָלסאָף איבערגעלייענט. ווײַזט זיכ ארויס, אז עס איז מאַמעש צו באַוווּנדערנ, וויאַזוי די לעגענדעס פונ די באָוולער וועגנ דעם אופקומ פונעם מענטשנ אונ אויכ וועגנ דעם אופקומ פונ דער וועלט, וועגנ מאַבל אאַוו. זײַנענ ענלעכ צו יענע מײַסעס, וועלכע מיר באַגעגענענ אינ די אַזויגערופענע „הייליקע שריפטנ“ — אינ דער ביבל.

ווײַטער דערוויסנ מיר זיכ, אז אָט די מײַסעס זײַנענ באַקאַנט געווענ די באָוולער שוינ גאָר-גאָר אַמאָל, אז מיט 2.600 יאָר צוריק זײַנענ ייִדנ געווענ אינ געפענקעניש בא די באָוולער. ס'איז קלאָר, אז ייִדנ האָבנ איבערגענומענ די לעגענדעס וועגנ דעם אופקומ פונ דעם מענטשנ אונ פונ דער וועלט, וועגנ מאַבל, וועגנ דויר-האַפּלאָגע אאַוו. בא די באָוולער.

די באָוולער, ווידער, זײַנענ געוועזנ „געצנדינער“, דאָס הייסט זיי האָבנ זיכ געבוקט צו פיל געטער, ניט געגלייבט אינ אײנײַנציקנ גאָט. קומט אויס, אַזוי־ארום, אז דאָס, וואָס דער גלייביקער האַלט פאַר אַנ עמעס, וואָס גאָט אַלײנ האָט אַנטדעקט, איז גאָר א געצנדינערישע באָבעמײַסע!

די ביבל ווידערשפּרעכט זיכ אַלײנ

ביים די אומגלייביקע קריטיקירנ די ביבל אונ טײַנענ אײַנ מיט די גלייביקע, אז אינ דער טוירע איז פאַראַנ א סאַכ ניט ריכטיקע זאַכנ, ווידערשפּרוכנ, אומגעלומפּערטקײַטנ, באָבעמײַסעס אאַוו., ריידנ זיי ניט גלאַט אינ דער וועלט ארײַנ, אָנ אַנ ערנסטנ גרונט דערצו; זיי דערווײַזנ עס מיט פאַקטנ, וויסנשאַפטלעכ.

אייגנטלעכ גערעדט, דארפ מענ גאָר ניט זײַנ אזוי שטארק געלערנט, אז מע זאָל דערזענ, אז אינ דער ביבל איז פאראנ א מאסע שרײַענדיקע ווידערשפרוכנ, אז אײנ זײַטל איז סויסער דאָס צווייטע. מע דארפ בלויז אופמערקזאמ דורכלייענענ, לאָמיר זאָגנ, יענע ערטער פונ דעמ ערשטנ בוכ פונ דער טוירע, וועלכער רופט זיכ „בריישיס“, ווו עס ווערט דערציילט וועגנ דעמ, וויאזוי עס איז באשאפנ געוואָרנ דער מענטש. ס'איז גרינג זיכ צו איבערצײַגנ, אז אינ אײנעמ אונ דעמ זעלבנ בוכ „בריישיס“ איז פאראנ ניט אײנע, נאָר צוויי פארשיידענע מײַסעס, אבסאָליוט ניט ענלעכע אײנע צו דער צווייטער, וועגנ דעמ, וויאזוי עס איז באשאפנ געוואָרנ דער מענטש.

אינעמ I קאפיטל הייסט גאָט אומעטומ (אפ העברעיִש) עלאָהימ (אלהימ), וואָס דאָס באטײַט אייגנטלעכ ניט גאָט (אל), נאָר געטער. ער באשאפט אלצ מיטנ וואָרט, ווי לויט א קאָמאנדע. ער זאָגט בלויז: „זאָל זײַנ!“ — באווײַזט זיכ אלצ מיטאמאָל. דער גאָט עלאָהימ האָט באשאפנ די מענטשנ נאָכ אלע כײַעס, אפנ 6־טנ טאָג, אלס די סאמע פולקומע באשעפעניש, אלס די קרוינ פונ דער נאטור. עס שטייט אזוי געשריבנ: „אונ באשאפנ האָט גאָט דעמ מענטשנ לויט דעמ געשטאלט זײַנעמ, לויט דעמ געשטאלט דעמ געטלעכנ האָט ער באשאפנ אימ: דעמ מאנצבל אונ די פרוי באשאפנ האָט ער זיי“.

הייסט דאָס, אז אינ אָט דער מײַסע איז דער מענטש — דער לעצטער אקט פונ דער געטלעכער שאפונג, דערבײַ איז דער מאנצבל אונ די פרוי באשאפנ געוואָרנ אײנצײַטיק, דורכ אײנ גאָטס באפעל.

א שרײַענדיקער ווידערשפרוכ צו אָט דער מײַסע איז א צווייטע מײַסע — פונ דעמ II קאפיטל פונעמ זעלבנ „בריישיס“. דאָ הייסט שוינ גאָט (אויכ אפ העברעיִש) יאהווע (יהוה). יאהווע שאפט אלצ מיט די הענט, ניט ווי עלאָהימ — מיטנ וואָרט. די ארבעט זײַנע איז אזוי אָנגעשטרענגט, אז אפנ זיבעטנ טאָג מוז ער רוענ. דער גאָט יאהווע האָט צוערשט באשאפנ פונ דער ערד דעמ מאנצבל — אָדאָמענ אונ אימ באזעצט אינ גאנײדנ. אינ א שטיקל צײַט ארומ באמערקט גאָט, אז אָדאָמענ איז לאנגווײַליק. „ניט גוט איז דעמ מענטשנ צו זײַנ אײנעמ אלײנ, לאָמיר אימ שאפנ א פאסיקנ געהילפ“ — זאָגט גאָט. קעדיי צו שאפנ דעמ מענטשנ א געזעלשאפט, מאכט גאָט, ווידעראמאָל פונ ערד, פויגלענ הימלשע אונ כײַעס פעלדישע.

קומט אויס, הייסט עס, לויט אָט דער מײַסע, אז גאָט האָט געשאפנ דעמ מענטשנ פאר די כײַעס. אָבער צווישנ די דאָזיקע לעבעדיקע באשעפענישנ האָט זיכ, אפאָנעמ, ניט געפונענ צו אָדאָמענ קיינ פאָר, אזוי אז אָדאָמ איז אלצ געווענ אומצופרידנ. דאנ פארטראכט זיכ יאהווע, וואָס זשע פאר א מינ באשעפעניש דארפ מענ עס געבנ דעמ ערשטנ מענטשנ פאר א „געהילפ“. סאָפקאָלסאָפ דערטראכט ער זיכ: ער יאָגט אָנ אפ אָדאָמענ א „צוויבערשלאָפ“, נעמט ארויס בא אימ א ריפ אונ פונ דער ריפ באשאפט ער די פרוי — כאווענ.

אזויארומ האָט איר אײַכ א צווייטע מײַסע: לעבאטכילע האָט גאָט געשאפנ דעמ מאנצבל, דערנאָכ די כײַעס, צולעצט — די פרוי. לויט דער דאָזיקער מײַסע באקומט זיכ, אז דער מאנצבל אונ די פרוי זײַנענ אופגעקומענ ניט אײנצײַטיק, ניט מיט אײנ מאָל, דערבײַ איז די פרוי — א טייל פונ דעמ מאנצבל.

אינ דער ביבל איז פאראנ א מאסע אומגעלומפּערטקײַטנ

זאָל איצט דער גלייביקער, אדראבע, זאָגנ, א וועלכנ קאפּיטל פונ „ברייִשים“ דארפ מענ גלייבנ — דעמ ערשטנ צי דעמ צווייטנ?

ווענ מע ווײַזט אָנ די גײַסטלעכע אפ שרײַענדיקע ווידערשפּרוכנ אונ פּלאָנטערנישנ אינ א וועלכנ-סע-ניט-איז „הייליקנ“ סייפער — פארופנ זיי זיכ אפ דער באַגרענעצטקײַט פונ דעמ מענטשלעכנ פארשטאַנד; זיי זאָגנ, אז ס'איז פאראנ א סאכ געטלעכע סוידעס, וועלכע עס איז אינגאנצנ ניט אימשטאַנד צו דערגייִנ דער שוואכער מענטשלעכער סייכל. צי קאָנ מענ אָבער אײַנגייִנ אפ אזעלכע „דערקלערונגענ“? פארשטייט זיכ, אז ניט!

לאָמיר אפילע זאָגנ, אז ס'איז יאָ פאראנ עפּעס אזעלכע „געטלעכע סוידעס“, וועלכע זײַנענ קלוימערשט העכער פארנ מענטשלעכנ פארשטאַנד, איז אפילע אינ דעמ פאל זײַנענ די גײַסטלעכע פאָרט ניט גערעכט. מיר וואָלטנ פּאָשעט די „סוידעס“ ניט פארשטאַנענ. קיינ אומגעלומפּערטקײַטנ, קיינ ווידערשפּרוכנ אאוו. וואָלטנ מיר אָבער אינ קיינ פאל ניט געקאָנט באמערקנ. אָבער די ווידערשפּרוכנ פונ די ביבלישע מײַסעס וואַרפנ זיכ מאַמעש אינ די אויגנ; אפילע פיל גלייביקע, וועלכע לייענענ אופמערקזאמ די ביבל, באמערקנ זיי.

ביז גאָר ווילד איז אויכ אלץ, וואָס די ביבל דערציילט וועגנ יענע מענטשנ, וואָס זײַנענ ארויסגעקומענ פונ דער ערשטער מענטשלעכער פּאָר. אינ דער ביבל לייענענ מיר, אז אָדאָמ אונ כאַווע האָבנ געהאַט צוויי זינ — קײַנ אונ העוול. קײַנ האָט זיכ צעקריגט מיט העוולענ אונ האָט אימ דערהארגעט. הייסט עס, אז פונ די ערשטע מענטשנס קינדער איז פארבליבנ בלויז קײַנ. פאר דעמ פארברעכנ צייכנט גאָט קײַנענ מיט א ספּעציעלנ צייכנ, קעדיי קיינער, וואָס וועט זיכ באַגעגענענ מיט דעמ ברודער-מערדער, זאָל אימ ניט דערהארגענענ. פרעגט זיכ, א וועלכע מענטשנ האָט קײַנ געקאָנט באגעגענענ בײַמ זײַנע וואַנדערונגענ, אז כוץ אימ אונ די עלטערנ איז גאָר קיינער ניט געווענ?

ווײַטער דערציילט די ביבל, אז קײַנ האָט זיכ באזעצט אינ דעמ לאנד נויד, אז דאָרט האָט ער כאסענע געהאַט אונ געהאַט א זונ אונ אז צוליב דעמ אָנדענק פונ דעמ זונ האָט ער אויסגעבויט א שטאָט. פונוואַנענ זשע נעמט זיכ צו קײַנענ א ווײַב, ווײַבאלד קיינ אנדערע מענטשנ איז נאָכ דאנ ניט געווענ? ווי האָט עס איינ מענטש געקאָנט אויסבויענ א גאנצע שטאָט? צי האָט מענ ביכלאל באדארפט האָבנ א גאנצע שטאָט פאר איינ מישפּאָכע פונ דרײַ מענטשנ? ענדלעכ, וואָס איז דאָס פאר א לאנד — „נויד“?

ניינ, קיינ איינ מענטש באמ קלאָרנ זינענ קאָנ ניט קוקנ ערנסט אפ די דאָזיקע אלע נאַיִווע, קינדערשע באָבעמײַסעס. די פאָרשער פונ דער דאָזיקער לעגענדע זײַנענ געקומענ צומ איינציקנ ריכטיקנ אויספיר, אז אינ אָט דער לעגענדע ווערט איבערגעגעבנ גאָר-גאָר אנ אלטע מײַסע וועגנ דעמ, וויאזוי שוואָטימ, וואָס האָבנ זיכ פארנומענ מיט ערדארבעט, האָבנ אײַנגענומענ שוואָטימ, וואָס האָבנ זיכ פארנומענ מיט פיצוכט. דער ניכטערער געדאנק אונ די וויסנשאפט וואַרפנ אָפּ די ביבל.

גאָט — איז אַ פאַרשטעלונג פונ דעמ ווילדנ מענטשנ

די ביבלישע מײַסעס — וועגנ דעמ, וויאַזוי עס איז באַשאַפנ געוואָרנ די וועלט, דער מענטש אאוו. — דאָס זײַנענ אַלצ אויסטראַכטענישנ פונעמ ווילדנ, פינצטערנ, אומוויסנדיקנ מענטשנ, דאָס איז אַלצ — אַ פראָדוקט פונ דער פאַנטאַזיע באַ יענע מענטשנ, וועלכע האָבנ זיכ געפונענ אַפ זייער אַ נידעריקער שטופע פונ קולטורעלער אַנטוויקלונג, וועלכע האָבנ ניט פאַרשטאַנענ די נאַטור און האָבנ ניט געוווּסט, וויאַזוי אַנצוצונעמענ אירע בלינדע קויכעס.

אַלע פעלקער האָבנ דורכגעמאַכט די מאַדרייגע פונ ווילדקײַט, פונקט ווי אַלע דערוואַקסענע מענטשנ האָבנ איבערגעלעבט די קינדהײַט. אַזוי ווי באַזונדערע מענטשנ ווערנ ניט געבוירנ אַלס גרייטע דענקער, אינזשעניערנ אאוו., אַזוי באַווײַזנ זיכ אויכ ניט אַפ דער וועלט גאַנצענע פעלקער מיט גרייטע און ריכטיקע פאַרשטעלונגענ וועגנ דעמ אופקומ פונ דער וועלט, פונ דעמ מענטשנ אאוו. קליינע קינדער קאָנענ קיינמאָל ניט דענקענ ריכטיק. קינדערשע געדאַנקענ זײַנענ געוויינלעכ נאַיוו און פעלערהאַפט. ווילדע מענטשנ זײַנענ אַנ ערעכ ווי קליינע קינדער פונ דעמ מענטשלעכנ מינ, ווײַל זיי פאַרמאָגנ זייער ווייניק קענטעניש.

ס'איז דעריבער קיינ כידעש ניט, וואָס אַלע אוראַלטע פאַרשטעלונגענ פונ דער מענטשהײַט וועגנ דער נאַטור, וועגנ דעמ מענטשנ אאוו. זײַנענ געווענ ביז גאָר נאַיוו און פעלערהאַפט. און דער געדאַנק וועגנ גאָט — דעמ שעפער פונ דער וועלט און דעמ באַשאַפער פונ דעמ מענטשנ — געהערט דאָכ צו די סאַמע פּריסטע אידייענ, וועלכע זײַנענ אַנטשטאַנענ באַ די אוראַלטע פעלקער.

אַזוי אַז די ביבלישע מײַסע (ריכטיקער געזאָגט — מײַסעס) וועגנ דעמ, וויאַזוי גאָט האָט באַשאַפנ דעמ מענטשנ, איז ניט מער ווי אַנ אוראַלטע נאַיווע מײַסע פונ דעמ ווילדנ מענטשנ. די דאָזיקע נאַיווע לעגענדע, וועלכע האָט זיכ געפרוווט צו דערקלערנ די אָפּשטאַמונג פונ דעמ מענטשנ, באַווײַזט, אַז די ווילדע און אוראַלטע פעלקער האָבנ געהאַט זייער אַ קנאַפּע פאַרשטעלונג וועגנ דעמ געבוי און וועגנ דער נאַטור פונ דעמ מענטשלעכנ קערפּער. ביכלאַל איז יעטווידע פאַרשטעלונג וועגנ גאָט אויסגעוואַקסנ פונ דער וועלט-אָנשויונג פונ די ווילדע מענטשנ, ד.ה. זי איז אַנטשטאַנענ דאַנ, ווענ מענטשנ האָבנ נאָכ ניט געהאַט קיינ ריכטיקע פאַרשטעלונג וועגנ דער וועלט, מאַכמעס זיי האָבנ ניט פאַרמאָגט קיינ עכטע וויסנשאַפט, ניט קיינ עכטע טעכניק.

די פאַרשטעלונג וועגנ גאָט—דעמ שעפער פונ אַלצ, וואָס געפינט זיכ אַפ דער וועלט, דערקלערט גאָרניט און איז ניט בעקויעכ צו דערקלערנ עפּעס. מע דאַרפ דאָכ בלויז אַ ביסל אַ טראַכט טאָנ, קומענ באַלד אופ באַ אונדז אַזעלכע פראַגנ: וואָס האָט גאָט געטאָנ ביז דאַנ, ווענ ער האָט באַשאַפנ די וועלט? פאַרוואָס האָט ער פּלוצעמ באַשלאָסנ „זיכ נעמענ צו דער אַרבעט“ און באַשאַפנ די נאַטור און דעמ מענטשנ? פונוואַנענ האָט זיכ גענומענ טאַקע אָט דער גאָט אַליינ? ווער האָט אימ באַשאַפנ? אאוו.

דעמ גלייביקנ מענטשנ גיט ניט די רעליגיע אַפ די דאָזיקע פראַגנ קיינ שום ענטפער, וועלכער זאָל זיכ ווי-ס'גיט-איז לייגנ אַפנ סייכל. די גײַסטלעכע פונ אַלע רעליגיעס (ראַבאָנימ, פאַרשיידענע קריסטלעכע גאַלאָכימ, מאַכמעדאַנישע מולעס

אאוו.) פארווערן אפילע צו שטעלן אזעלכע פראגן, מאכמעס זיי האבן ניט וואס צו ענטפערן אפ זיי. דאס איז דער בעסטער באווײַז, אז קיין גאט אפ דער וועלט איז ניטא. די וויסנשאפט לאזט ניט איבער קיין שום צווייפל דעריג, אז ניט דער אויסגעטראכטער גאט האט באשאפן דעם מענטשן, נאר, פונקט פארקערט, דער מענטש האט מיט זײַן פאנטאזיע געשאפן גאט „לויטן געשטאלט און דעם מוסטער זײַנעם“: גאט — איז א באשעפעניש פון דעם מענטשלעכן סייכל!

פארוואס זשע האבן מענטשן אין די אוראלטע צײַטן געשאפן זיך א גאט? פארוואס איז בא זיי אופגעקומען דאס גלייבן אין געטלעכעס? דאס דאזיקע גלייבן איז אנטשטאנען מאכמעס דעם געפיל פון אומבאהאלפנקײַט פונעם מענטשן קעגן די קויכעס פון דער נאטור, וועלכע ער האט ניט געקאנט דערקלערן, וואס פלעגן אפ אים אניאגן א שרעק. א ווילדער אדער א פינצטערער, אומוויסנדיקער מענטש לעבט אין שרעק פאר אזעלכע דערשײַנונגען אין דער נאטור און אינעם געזעלשאפטלעכן לעבן, וועלכע ער פארשטייט ניט און פון וועלכע ער איז פולשטענדיק אפהענגיק. ניט באגרײַפנדיק, פונוואנען עס נעמען זיך אזעלכע דערשײַנונגען, זאגט ער: דאס איז — גאט. פארוואס דונערט? פארוואס קומט אום די טוווע? פארוואס שנײַדט די כאליערע דעם מענטשן? פארוואס קומען אופ מילכאמעס, וואס ברענגען אום דאס פאלק? אזוי וויל גאט!

דער גלייביקער האלט, אז אלץ איז געווענדט אין „גאטס ווילן“, אז אן דעם דאזיקן ווילן קומט קיין שום זאך אפ דער וועלט ניט פאר. „די מאכטלאזיקײַט פון די עקספלואטירטע קלאסן אין קאמף קעגן די עקספלואטאטארס, — האט געשריבן לענין, — רופט ארויס פונקט אזוי אומפארמײַדלעך דעם גלויבן אין א בעסער לעבן אפ יענער־וועלט, פונקט ווי די מאכטלאזיקײַט פון דעם ווילדן מענטשן אין קאמף קעגן דער נאטור רופט ארויס דעם גלויבן אין געטער, שיידים, ניסים אדג.“ (לענין, ווערק, באנד VIII, ז. 419). דעם דאזיקן אומגעלומפערטן גלויבן האבן געשטיצט און שטיצן מיט אלע קויכעס די הערשנדיקע קלאסן, די עקספלואטאטארס פון אלע צײַטן און פעלקער. זיי לוינט שטארק דער דאזיקער גלויבן, מאכמעס ער העלפט זיי צו באנארישן און פארטויבן, גײַסטיק צו פארשקלאפן די ברייטע פאלקסמאסן.

וואס מער דער מענטש איז רעליגיעז, אלץ מער גלייבט ער; וואס מער ער גלייבט, אלץ ווייניקער עמעס ווייסט ער וועגן זײַן לאגע; וואס ווייניקער ער ווייסט דערפון, אלץ לײַכטער איז די עקספלואטאטארס צו פארן אפ אים רײַטנדיק! ניט אומזיסט האט איינער א קאפיטאליסט געזאגט: „ווען מײַן פערד זאל פארשטיין אזויפיל וויפל איך, וואלט איך אפ אים רײַטן ניט געקאנט“.

ניטא קיין געטלעכעס אפ דער וועלט

די גלייביקע האלטן, אז אלץ אין דער וועלט איז ניט פון דער נאטור, נאר פון גאט, וועלכער עקזיסטירט ווי אן א זײַט פון דער נאטור, איבער איר. דעריבער ווײַזט זיך אויס די דאזיקע לײַט, אז גאט איז עפעס אזוינס אויסערגעוויינלעכס, אזא, וואס הערשט איבער דער נאטור. דערום האלטן די גלייביקע, אז גאט טוט אפ אלץ אינגאנצן אומאפהענגיק פון דער נאטור, אפילע קעגן דער נאטור, דאס

הייסט אינגאנצנ ווילקירלעכ, ווי אימ גלוסט זיכ, ניט רעכנענדיק זיכ מיט גאָרניט!

אָבער די וויסנשאַפט האָט אויסגעשטודירט די דערשיינונגענ פונ דער נאַטור אונ האָט אינגאנצנ אָפּגעוואָרפנ אָט די פֿאָרשטעלונג. די וויסנשאפט האָט דערוויזנ, אז ס׳קאָנ גאָר קיינ רייד ניט זײַנ וועגנ אנ אַרײַנמישונג פונ עפּעס א געטלעכנ וועזנ אינ דעמ גאנגנ פונ דער וועלט. עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז אינ דער נאַטור איז ניט פאראנ קיינ אומנאַטירלעכס: אלצ, וואָס אינ דער נאַטור קומט פאָר, ווערט ארויסגערופנ דורכ דער נאַטור גופע, דאָס הייסט — אַפ א נאַטירלעכנ אויפנ.

אויב גאָט איז דער שעפער פונ דער נאַטור, פרעגט זיכ — פונ וואָס זשע, אייגנטלעכ, האָט ער זי געשאפנ? די רעליגיע לערנט, אז אויסער גאָט איז, איידער די וועלט איז באשאפנ געוואָרנ, קיינ זאכ ניט געווענ. וויבאלד יאָ אזוי, וויבאלד די נאַטור עקזיסטירט ניט פונ אייביק אָנ, האָט גאָט זי באדארפט באשאפנ „פונ גאָרניט“. אָבער דאָס דערלערנענ די נאַטור האָט באוויזנ, אז שאפנ „פונ גאָרניט“ איז אומעגלעכ, ווײַל פונ גאָרניט קומט ארויס גאָרניט.

ווענ אונדז דאכט זיכ, אז ס׳איז אופגעקומענ עפּעס א נײַער שטאָפ, איז אינ דער ווירקלעכקײַט פאָרגעקומענ בלויז אנ ענדערונג פונ דער פאָרמע (אויסזענ, קוואַליטעט) פונ די פאראנענע שטאָפנ. לעמאָשל, ווענ אנ אײַזערנע קיילע הייבט אָנ צו זשאווערנ, קאָנ מענ ניט זאָגנ, אז דאָ איז געשאפנ געוואָרנ א נײַער שטאָפ „פונ גאָרניט“. דער זשאווער האָט זיכ באקומענ איבער דער פאריײניקונג פונ דעמ אײַזערשטנ שיכט אײַזנ מיט וואסער אונ מיטנ זויערשטאָפ פונ דער לופט. דאָס הייסט, אז דאָ האָבנ מיר צו טאָנ מיט אנ ענדערונג פונ יענע שטאָפנ, וואָס עקזיסטירנ שוינ. מיט איינ וואָרט, די עקספערימענטנ פונ די געלערנטע זאָגנ קלאָר איידעס, אז קיינ שומ שטאָפ קאָנ ניט ארויסקומענ „פונ גאָרניט“ אונ אז ביכלאל קיינ זאכ אינ דער וועלט ווערט ניט געשאפנ „פונ גאָרניט“.

די גאנצע וועלט באשטייט פונ פארשיידענע שטאָפנ: די וועלט, ווי עס זאָגנ די געלערנטע, איז מאטעריאליש, דעריבער קומענ מיר צומ אויספיר, אז די וועלט איז קיינמאָל ניט באשאפנ געוואָרנ, אז זי עקזיסטירט אייביק אונ וועט זי עקזיסטירנ, אז די וועלט ענדערט זיכ שטענדיק אליינ פונ זיכ לויט באשטימטע געזעצנ פונ דער נאַטור. וויבאלד יאָ אזוי, פאלט אָפּ יעטווידער געדאנק וועגנ א שעפער אונ רעגירער פונ דער וועלט: קיינ שומ געטלעכעס איז ניט פאראנ!

„יעטווידע רעליגיע איז עפּעס אזוינס, וואָס איז קעגנזעצלעכ דער וויסנשאפט“ [1].

ס׳איז דעריבער קיינ חידעש ניט, וואָס יעטווידע רעליגיע באציט זיכ זייער פײַנטלעכ צו דער וויסנשאפט, צומ פרײַענ זוכנ דעמ עמעס. די רעליגיע זאָגט, אז חקירענ וועגנ איר טאָר מענ ניט, מאכמעס יעטווידע חקירע צעשטערט דעמ גלויבנ; אז א רעליגיעזער מענטש דארפ בלויז בלינד גלייבנ. דעריבער פאַרעכנט די רעליגיע פאר א „געטרײַענ צו גאָט“, פאר אנ עכט רעליגיעזנ בלויז דעמ, ווער עס גלייבט אפילע אינ דעמ, וואָס עס איז אומגעלומפערט, אומזיניק...

---

1 י. סטאלינ — פראגנ פונ לעניניזמ. ז. 259, פארלאג „עמעס“, 1936 י.

דורכפאַל פונ דער ביבלישער באָבעמײַסע

די ביבל טיילט אָפּ דעמ מענטשנ פונ דער כײַע מיט א טיפנ טהאָמ. די רעליגיע לערנט, אז אלצ איז אפ דער וועלט פולקומ, אז קיינ זאכ ענדערט זיכ ניט, אז אלצ איז באשטענדיק, דאָס הייסט אלע זאכנ בלײַבנ אינעמ זעלבנ צושטאנד, ווי גאָט האָט זיי איינמאָל פאר אלעמאָל באשאפנ. לויט דער ביבל קומט אויס, אז אלע מינימ באלעכײַמ אונ געוויקסנ זײַנענ באשאפנ געוואָרנ מיט איינ אקט, אומאָפּהענגיק איינע פונ דער אנדערער, אונ אָט אזוי, ווי גאָט האָט זיי באשאפנ, אזוי זעענ זיי אויס אונ וועלנ אויסזענ אייביק.

דער גלייביקער זאָגט, אז ביז דער באשאפונג פונ דעמ ערשטנ מענטשנ זײַנענ ניט געווענ קיינע מענטשנארטיקע באשעפענישנ. ער רעכנט, אז דער מענטש איז אויכ (פונקט ווי אלע זאכנ אונ באשעפענישנ) באשאפנ געוואָרנ, „ווי ער שטייט אונ גייט“, אז ער האָט פונ אָנהייב אָנ באקומענ א באשטימטנ אויסזענ אונ קיינמאָל ענדערט ער זיכ ניט. דעריבער איז בא די גלייביקע אופגעשוועמענ אזעלכע קלאָצ-קאשעס: אפ וואָס פאר א שפראכ האָט גערעדט דער „ערשטער מענטש“ אָדאָמ? ווי גרויס איז ער געווענ? וויפל יאָר האָט ער געלעבט? צי וועט אָדאָמ בײַמ טכיעס-האמייסימ פארמאָגנ מיט איינ ריפּ ווייניקער, איידער כאווע די „פלויגעסטע“ זײַנע. פונוואנענ האָט קײַנ געקראָגנ א ווײַב? אאוו., ארגל.

די אנטוויקלונג פונ דער וויסנשאפט האָט געבראכט דערצו, אז שוינ לאנג האָבנ אָנגעהויבנ פלאצנ אלע ביבלישע אָנשויונגענ אפנ אופקומ פונ דער וועלט. אינ דער פראגע וועגנ דעמ מענטשנס אָפּשטאמונג האָט די וויסנשאפט אופגעקלערט אזויפיל, אז די ביבלישע מײַסעס זעענ אויס לעכערלעכ אונ ביז גאָר נאַיוו.

די אנטדעקונג פונ אמעריקע מיט העכער 400 יאָר צוריק האָט דערלאנגט א שטארקנ קלאפּ אלע די, וואָס האָבנ געגלייבט אינ דער „הייליקײַט“ פונ דער ביבל. אינ דעמ נײַעמ טייל וועלט האָט מענ אנטדעקט אומבאקאנטע פעלקער מיט אָנ אנדער הויט-קאָליר. דער דאָזיקער פאקט האָט גלײַכ ארויסגערופנ גרויסע ספייקעס — צי קומענ טאקע די דאָזיקע פעלקער אויכ ארויס פונ אָדאָמענ. די גלייביקע האָבנ זיכ געמוזט שטעלנ די פראגע: וויאזוי האָבנ די דאָזיקע מענטשנ, וויבאלד זיי שטאמענ אויכ פונ אָדאָמענ, געקאָנט אָנשפארנ אזש אפ א צווייטנ קאָנטינענט? אמאָליקע צײַטנ איז דאָכ קיינ דאמפּ-שיפ ניט געווענ, אונ פאָרנ א היפּשע צײַט מיט א זעגל-שיפ אונ אָנ א קאָמפּאס איז דאָכ קימאט אנ אומעגלעכע זאכ.

פיל גײַסטלעכע פונ יענער צײַט האָבנ „טיפזיניק“ גענומענ דערווײַזנ, אז וויבאלד די אינדיאנער, די גרונט-אײַנוווינער פונ אמעריקע, קומענ ניט ארויס פונ אָדאָמענ, הייסט עס, אז זיי האָבנ קיינ נעשאָמע ניט, ווײַל אינ דער ביבל שטייט, אז די נעשאָמע דאָס איז „דער אָטעמ פונ לעבנ“, וואָס גאָט האָט ארײַנגעבלאָזנ אינ דעמ ערשטנ מענטשנ, אינ אָדאָמענ.

הייסט עס, זײַנענ געקומענ צומ אויספיר די דאָזיקע „כאכאָמימ“, בלײַבט בלויז איינ אויסוועג: אָנערקענענ, אז די אינדיאנער קאָנענ ניט פארעכנט ווערנ פאר קיינ „עכטע מענטשנ“. דערפונ האָבנ זיי געמאכט דעמ צוויאקישנ אויספיר, וואָס אימ האָבנ די קאָלאָניזאטאָרנ אויסגענוצט אינ דער פולער ברייט, אז די אינדיאנער מעג מענ הארגענענ, ווי מע הארגעט מאלפּעס אונ אנדערע כײַעס.

דאָס אנטדעקנ נײַע אומבאַקאַנטע לענדער האָט נאָכ מער פאַרגרעסערט די יעדיעס וועגנ „צווייפלהאַפטע“, „ניט עכטע“ מענטשנ. אזויארומ איז געוואָרנ נאָכ מער גרונט אָפ צו צווייפלענ אינ דער ריכטיקײַט פונ דער ביבל אונ ניט גלייבנ אינ די מײַסעס פונ די „הייליקע“ שריפטנ וועגנ דעמ אופקומ פונ דעמ מענטשנ.

די גרויסע געלערנטע — דאַרווינ אונ ענגעלס

וואָס זשע זאָגט די וויסנשאַפט וועגנ דעמ אופקומ פונ דעמ מענטשנ?

די וויסנשאַפט, אינ פערזאָנ פונ דעמ גרויסנ ענגלישנ נאַטור=פאָרשער טשאַרלז דאַרווינ (1809—1882), האָט אָפנ איבערצײַגנדיקסטנ אויפנ דערוויזנ, אז דער מענטש איז ענג פאַרבונדנ מיט דער באַלעכײַימ=וועלט אונ אז דער מענטשלעכער מינ איז אופגעקומענ פונקט מיטנ זעלבנ נאַטירלעכנ גאַנג, ווי אלע מינימ כײַעס. דאַרווינ האָט צונויפגעקליבנ א קאָלאָסאַלע צאָל פאַקטנ, וועלכע לאָזנ ניט איבער קיינ סאָפעק, אז דער מענטש שטאַמט פונ כײַישע אורעלטערנ, פונ מאַלפעאַרטיקע באַשעפענישנ אונ אז ער איז בלויז דער העכסטער פאָרשטייער פונ דער גאַנצער באַלעכײַימ=וועלט.

דעמ קוק זײַנעמ אָפ דעמ אופקומ פונ דעמ מענטשנ האָט דאַרווינ ארויסגעבראַכט אויספירלעכ אינ א גרויסנ בוכ „די אָפשטאַמונג פונ דעמ מענטשנ“, וואָס איז דערשינענ אינ 1871 יאָר. אָבער אָט די טעאָריע איז בלויז א באַשטאַנד=טייל אונ אזוינס, וואָס דרינגט אומפאַרמײַדלעכ ארויס פונ דאַרווינס לערע וועגנ דער אנטשטייונג פונ פאַרשיידענע מינימ באַלעכײַימ אונ געוויקסנ ביכלאַל. נאָכ מיט 12 יאָר פריער, אינ 1859 יאָר, האָט דאַרווינ ארויסגעלאָזט זײַנ אומשטערבלעכ ווערק „די אָפשטאַמונג פונ די ארטנ“, ווו ער וויקלט פאַנאַנדער די לערע, וועלכע איז דערנאָכ אָנגערופנ געוואָרנ „דאַרוויניזמ“, דה. דאַרווינס לערע. די דאָזיקע טעאָריע האָט פולשטענדיק צעשטערט די רעליגיעז=ביבלישע פאָרשטעלונגענ וועגנ דעמ אופקומ פונ לעבעדיקע באַשעפענישנ.

פאַרשטייט זיכ, אז אויכ די נאַיווע מײַסע פונ די גײַסטלעכע וועגנ דער באַשאַפונג פונ דעמ מענטשנ האָט געמוזט פלאַצנ. דער קאַמפ פאַר דאַרווינס טעאָריע וועגנ דער אנטשטייונג פונ דעמ מענטשלעכנ מינ פונ נידעריקערע פאָרמענ פונ דער באַלעכײַימ=וועלט איז פונ דעמ ערשטנ טאָג אָנ געוואָרנ איינצײַטיק א קאַמפ קעגנ דער רעליגיעזער פאָרשטעלונג וועגנ דעמ אופקומ פונ דעמ מענטשנ.

דאָכ איז אינ דאַרווינס לערע געבליבנ זייער א וועזנטלעכער בלויז: דאַרווינ האָט ניט געלייזט פולשטענדיק די פראַגע וועגנ דער אנטשטייונג פונ דעמ מענטשנ, דה. וועגנ דער אויסטיילונג פונ דער דאָזיקער באַשעפעניש פונ דער באַלעכײַימ=וועלט. דער דאַרוויניזמ באַטראַכט דאָס אופקומענ פונעמ מענטשנ פונקט אָפנ זעלבנ שטייגער ווי דאָס אופקומענ פונ אלע כײַעס. דער מענטש איז אָבער ניט נאָר אָרגאַניש פאַרבונדנ מיט דער באַלעכײַימ=וועלט, ער האָט נאָכ זײַנע ריינ=מענטשלעכע באַזונדערקײַטנ, וואָס טיילנ אימ אויס פונ דער באַלעכײַימ=וועלט. דעריבער שיידט זיכ שטאַרק אונטער דער פראָצעס פונ דער פאַרוואַנדלונג פונ דער מאַלפעאַרטיקער באַשעפעניש אינ א עכטנ מענטשנ פונ דעמ אנטוויקלונגס=פראָצעס בא אנדערע כײַעס. דאַרווינ האָט אָט דער פראַגע נישט צוגעגעבנ קיינ גרויסנ באַ=



דער גרויסער פראָלעטארישער געלערנטער פרידריך ענגעלס

דײַטש און האָט מאַכמעס דעם ניט דערקלערט ביזנ סאָפּ, װיאַזױ זשע איז פונ אונדזערע כײַישע אורעלטערנ פּאָרט געװאָרנ מענטשנ?

נאָכ בײַם דאַרװינ האָט געלעבט, האָט דעם ענטפער אפ דער דאָזיקער װיכטיקער פראַגע געגעבנ דער גרויסער געלערנטער און רעװאָליוציאָנער פרידריכ ענגעלס (1820—1895), דער נאָענטסטער פרײַנט און מיטקעמפער פונ קאַרל מאַרקס. אינ זײַנ געניאַל װערק „די ראָליע פונ דער אַרבעט אינעם פּראָצעס פונ דער פאַרמענטשלעכונג פונ דער מאַלפּע“, װאָס ער האָט אָנגעשריבנ אַרומ 1875 יאָר, האָט ענגעלס באַװיזנ, װאָס פאַרא נאַטירלעכע סיבעס האָבנ געבראַכט דערצו, אז אונדזערע װײַטע אורעלטערנ — די מאַלפּעאַרטיקע כײַעס — האָבנ זיכ „אויסגעמענטשלט“. האָבנ זיכ אַנטװיקלט ביז דער מאַדרייגע פונ דענקענדיקע באַשעפענישנ, זײַנענ געװאָרנ עכטע מענטשנ. אפ אַזא אופנ האָט ער פאַרענדיקט דאַרװינס זאַכ און דערמיט ענדגילטיק צעשמעטערט די רעליגיעזע פאָרשטעלונג װעגנ דעם אופקומ פונ דעם מענטשלעכנ מינ.

אַזױאַרומ, הייסט עס, האָט די װיסנשאַפט ניט נאָר פעסטגעשטעלט די קרויװעשאַפט צװישנ דעם מענטשנ מיט דער באַלעכײַימ־װעלט, נאָר זי האָט נאָכ כוצ דעם דערקלערט, װיאַזױ האָט דער מענטש זיכ אויסגעטיילט פונ דער באַלעכײַימ־װעלט, דאָס הייסט װיאַזױ איז ער געװאָרנ א באַזונדער װעזנ, װאָס איז פײַיק אונטערצוװאַרפנ אונטער זיכ די נאַטור. אָבער װענ די װיסנשאַפט רעדט װעגנ דעם אופקומ פונעמ מענטשנ, האַנדלט זי ניט װי די גײַסטלעכע, זי צװינגט ניט קיינעמ, מע זאָל איר גלייבנ אפנ װאָרט — זי באַגרינדעט דאָס, װאָס זי זאָגט, מיט איבערצײַגנדיקע באַװײַזנ.

די װיסנשאַפט באַהויפּטעט בלויז דאָס, װאָס זי האָט פּינקטלעכ און באַשטימט פעסטגעשטעלט, און מאַכט ניט קיינ שומ סאָד דערפונ, אז נאָכ ניט אַלצ איז זי דערגאַנגענ. װײַל, אינ אונטערשייד צו רעליגיע, צו דעמ גלויבנ, איז די װיסנשאַפט ניט עפּעס אַזױנס, װאָס איז פאַרגליװערט, װאָס ענדערט זיכ ניט, און דאָס, װאָס הײַנט איז אומבאַקאַנט, װעט װערנ באַקאַנט אינ דער נאָענטסטער צײַט.

דערפונ דרינגט אַרויס, אז נאָר די װיסנשאַפט קאָנ געבנ א ריכטיקנ ענטפער אפ דער אַלטער פראַגע: װיאַזױ איז אופגעקומענ דער מענטש?

II. אינ װעמענ איז דער מענטש געראָטנ?

דער מענטש איז א כײַע

אינ דער ביבל שטייט, אז דער מענטש איז באַשאַפנ געװאָרנ „לויטנ געשטאַלט און מוסטער פונ גאָט“. קומט אויס, הייסט עס, אז לויטנ אויסזענ פונ דעמ מענטשנ קאָנ מענ זיכ פאָרשטעלנ, װיאַזױ זעט אויס גאָטס קערפּער, כאָטש די רעליגיע מײַנעט, אז גאָט האָט קיינ קערפּער ניט, אז ער איז אנ אומקערפּערלעכ װעזנ. אָבער די עכטע װיסנשאַפט װייסט ניט פונ קיינ שומ גאָט און דערקלערט גאָר אַנדערש, אינ װעמענ דער מענטש איז געראָטנ.

קעדיי צו ענטפערנ אפ דער דאָזיקער פראַגע, האָט מענ געמוזט אויספירלעכ

דערלערנענ, וויאזוי עס איז געבויט אונ עס ארבעט דער מענטשלעכער קערפער, אונ פארגלײַכנ אים מיטנ געבוי אונ מיט דער ארבעט פונ דעמ קערפער בא פארשיידענע כײַעס. אָבער די רעליגיע, וועלכע האָט געקעמפט קעגנ די פרווונ צו פעסטשטעלנ, פונוואנענ שטאמט דער מענטש, האָט אפ אלערליי אויפאנימ געשטערט צו דערלערנענ דעמ מענטשלעכנ קערפער. באזונדערס ברוטאל פלעגט זי זיכ אָפּרעכענענ מיט יענע געלערנטע, וואָס האָבנ זיכ דערוועגט אופצועפענענ טויטע מענטשלעכע קערפערס.

דאָכ איז די וויסנשאפט, ניט געקוקט אפ אלע פארפאָלגונגענ פונ דער רעליגיע, געגאנגענ פאָרויס אונ האָט איינגאנצנ צעשמעטערט די רעליגיעזע פאָרשטעלונגענ וועגנ דעמ אופקומ פונ דעמ מענטשלעכנ מינ.

עס איז באוווסט, לעמאָשל, אז א הארצ, לונגענ, בלוט, מארכ, מוסקולנ אונ פיל אנדערע טיילנ פונ קערפער אונ אָרגאנענ, וואָס עס פארמאָגט דער מענטש, פארמאָגנ אויכ פייגל, פיש, שלענג אונ אנדערע פארשיידענע כײַעס. ווי די כײַע — ווערט דער מענטש געבוירנ, וואקסט, פארמערט זיכ, עלטערט זיכ אונ שטארבט. ווי די כײַע — שפײַזט זיכ דער מענטש, דאָס הייסט ער דארפ האָבנ עסנווארג, קעדיי צו לעבנ. באמ קעגנשטעלנ אָט די אלע פאקטנ, מוז מענ קומענ צומ אויספיר, אז דער מענטש איז א טייל פונ דער באלעכײַימ-וועלט.

ווענ מיר קוקנ זיכ צו צו דעמ געבוי אונ צו דער ארבעט פונ דעמ מענטשלעכנ קערפער, איבערצײַגנ מיר זיכ, אז דער מענטש איז שטארק ענלעכ צו כײַעס. ס'איז באוווסט, אז רוקנבייניקע כײַעס רופנ זיכ אָנ יענע כײַעס, וואָס האָבנ אינ זייער קערפער א רוקנביינ (רוקנזײַל, כוט-האשעדרע), וועלכער באשטייט פונ באזונדערע ביינער — קנאָפּביינדלעכ. לויטנ געבוי פונ די ביינער דארפ מענ דעמ מענטשנ צורעכענענ צו די רוקנבייניקע כײַעס. אונ פונ די רוקנבייניקע איז דער מענטש נעענטער פאר אלצ צו די זויג-כײַעס, — פונקט ווי אלע זויג-כײַעס, ווערט א מענטש אופגעצויגנ אפ דער מוטערס מילכ.

אז דער מענטש איז א קאָרעוו מיט דער גאנצער באלעכײַימ-וועלט, — איז קלאָר צו זענ, לאָמיר זאָגנ, פונ דעמ געבוי פונ זײַנע ענדגלידער. דעמ מענטשנס האנט שיידט זיכ שטארק אונטער לויטנ אויסערלעכנ אויסזענ אונ לויט איר פונקציע (די ארבעט, וואָס זי דארפ טאָנ) פונ דעמ פערדס פוס, פונ דעמ מוילוורפס לאפע, פונ דעמ פויגלס פליגל אאוו. עס האָט זיכ אָבער ארויסגעוויזנ, אז די דאָזיקע אלע טיילנ פונ קערפער, אָדער אָרגאנענ, באשטייענ פונ ענלעכע ביינער, אונ אז אָט די ביינער זײַנענ פארבונדנ צווישנ זיכ אפ איינעמ אונ דעמ זעלבנ אופנ. הייסט דאָס, אז דער געבוי פונ די פארשיידנסטע באלעכײַימ איז ביז גאָר איינהײַטלעכ, אנדערש גערעדט — זיי זײַנענ געבויט ווי לויט איינ מוסטער, אפ איינ שניט. אויב אזוי, איז ווי קומט מענ ניט צומ אויספיר, אז דער מענטש איז פארבונדנ אָרגאניש מיט דער באלעכײַימ-וועלט אונ אז אלע מינימ באלעכײַימ זײַנענ פארבונדנ איינער מיטנ אנדערנ?

דער מענטשלעכער מויעכ איז קאָמפליצירטער געבויט, איידער בא אנדערע באלעכײַימ. דעריבער שטייט דער מענטש לויט זײַנע אינטעלעקטועלע (גײַסטיקע) פייִקײַטנ העכער פאר אלע באלעכײַימ. אָבער אינעמ געבוי פונעמ קערפער איז ניט פאראנ קיינ גרונט-אונטערשייד צווישנ דעמ מענטשנ אונ צווישנ די זויג-כײַעס;



דער סקעלעט פונ א טיגער (אויבנ) אונ דער סקעלעט פונ א מענטשנ, וואָס שטייט אפ אלע פיר (אונטנ). פונ דער צייכענונג איז צו זענ, אז ביידע סקעלעטנ זײַנענ ענלעכ צווישנ זיכ אינ א סאכ הינזיכטנ.

נאָר אינ איינ מינ באלעכײַמ איז דער מענטש מער געראָטנ, אינ אנ אנדערנ — ווייניקער.

עמעס, דער מענטש שיידט זיכ אונטער פונ די כײַעס דערמיט, וואָס ער גייט אינ א ווערטיקאלער לאגע. דאָס גיט אָבער ניט קיינ גרונט, מיר זאָלנ איינגאנצנ אָפּרײַסנ דעמ מענטשנ פונ דער באלעכײַמ=וועלט. דאָס איז אינעמ מינדסטנ גראד ניט קיינ באווײַז פונ דער „געטלעכער אָפּשטאמונג פונעמ מענטשנ“. די אייגנשאפט צו גיינ ווערטיקאל, וואָס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר דעמ מענטשנ, איז פונעמ הימל ניט אראָפּגעפאלנ — אינ עמבריאָנאלנ צושטאנד געפינט זי זיכ אויכ בײַ אייניקע כײַעס. ווי מיר וועלנ עס אינגיכנ זענ, גייענ אינ אייניקע פאלנ די הויכ=אנטוויקלטע מינימ מאלפּעס אויכ ווערטיקאל. דאָ איז דאָס אָרט צו דערמאָנענ, אז א קינד קריכט אפ אלע פיר, אונ עס לערנט זיכ אויס צו גיינ מיט די פיסלעכ ערשט שפּעטער.

אזויארומ איז דער מענטש געבויט ניט לויט „גאָטס געשטאלט“, נאָר לויט דעמ „געשטאלט פונ א זויג=כײַע“. די געלערנטע האָבנ דערוויזנ, אז אינ אונדזער

קערפּער איז פאַראַן אַ סאַך סימאַנים, וועלכע עס פאַרמאָגן אויך אייניקע בהמות, צום בײַשפּיל, די הויכ־אַנטוויקלטע מאַלפּעס. די דאָזיקע איינגנשאַפטן לאָזן ניט אײַ־בער קיין שום צווייפל, אַז דער מענטש איז אַ נאָענטער קאָרעוו מיט דער באַלע־חיים־וועלט. מע קאָן, עמעס, אָנווײַזן ניט קיין גרויסע צאָל איינגנשאַפטן, וואָס גע־פינען זיך בלויז באַם מענטשן. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די דאָזיקע איינגנשאַפטן זײַנען אויפגעקומען דערפאַר, וואָס מענטשן זײַנען סאַפּקאָלסאַפּ אַרויס־געגאַנגען פון דעם כיישן צושטאַנד, דאָס הייסט — זיי האָבן אויפגעהערט צו לעבן אַזוי, ווי עס לעבן די כהמות. דער אויספיר איז, אַז אַלע פאַקטן אָן אויסנאַם בא־ווײַזן, אַז דער מענטש איז ניט די קרוין פון דער געטלעכער שאַפונג, — ער איז בלויז די קרוין פון דער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג פון דער באַלעכיים־וועלט.

כיישע שטריכן באַם מענטשן

די געלערנטע האָבן שוין לאַנג געוואוסט זייער אויפמערקזאַמקייט אויף דעם פאַקט, וואָס מענטשן געבוירן אַמאָל קינדער מיט שאַרף אויסגעשפּראָכענע כיישע שטריכן. די דאָזיקע „פאַרקריפּלונגען" זײַנען אויך אַן איבערצײַגנדיקער באַווײַז, אַז דער מענטש שטאַמט פון דער חיה.

עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז עס ווערן געבוירן מענטשן מיט עקן. אַמאָליקע צײַטן האָט מען געהאַלטן, אַז דאָס זײַנען „דעם טײַוולס דינער". אַזעלכע מענטשן פלעגט מען שטאַרק פּײַניקן, אָפטמאָל אַפילו הארגענען. נאָך ערגער פלעגן אָפּשנײַדן די מוטערס זייערע: זיי פלעגט מען באַשולדיקן אין „באַציִונגען מיט די ניט־גוטע" און לעבעדיקערהייט פאַרברענען אויף די שײַטערהויפנס...

אין דײַטשלאַנד איז אין 1848 יאָר געבוירן געוואָרן אַ ייִנגל מיט אַ קליינ־עקעלע, וואָס האָט געהאַלטן די לענג קימאַט 10 סאַנטימעטער און די גרעב, ווי דער גרויסער האַנט־פינגער. דאָס עקל איז געווען באַדעקט מיט האָר, און, ווען מע פלעגט עס שטעכן מיט אַ נאָדל, פלעגט זיך עס באַוועגן. די עלטערן האָבן געבעטן אַ דאָקטער, האָט ער דעם עק אָפּגעשניטן.

געווען זײַנען אייניקע פאַלן, ווען דער עק באַם מענטשן פלעגט זײַן נאָך גרע־סער. געוויינטלעך פלעגט מען אים אָפּשנײַדן, קעדיי ניט זײַן צו שפּאָט.

עס זײַנען פאַראַן מענטשלעכע שוואָטים, וואָס אויף פּאָנעם און אויף גאַנצן קערפּער בײַ זיי איז פאַראַן אַ סאַך מער האָר איידער בײַ די אייראָפּייער. לע־מאָשל, אויפן אינדזל סאַכאַלין און אויף דעם יאַפּאַנישן אינדזל יעסאָ לעבט אַ שיי־ט'עט — „אײַנעס"; דער קערפּער בײַ די „אײַנעס" איז באַדעקט מיט אַזעלכע גע־דיכטע האָר, אַז סע איז אַפילו אויפגעקומען דער גלויבן, אַז דער דאָזיקער „האָ־ריקער" שייוועט שטאַמט פון בערן!..

אָבער אַפילו צווישן די אייראָפּייִשע פעלקער, וואָס טיילן זיך ניט אויס מיט זייער האָריקייט, מאַכן זיך אַמאָל מענטשן, וואָס זײַנען אינגאַנצן באַדעקט מיט לאַנגע האָר, אַזוי אַז זיי זײַנען טאַקע בעעמעס געראָטן אין בהמות. לעמאָשל, אין 1873 יאָר פלעגט מען אַרומפירן און באַווײַזן פאַר געלט איינעם אַ פויער פון קאָסטראָמער גובערניע, אַדריאַן יעווסטיכייעוו — דאָס גאַנצע פּאָנעם איז אים געווען באַדעקט מיט לאַנגע האָר ווי אַ געדיכטע פעל. אַ צווייטן אונדזערן אַ מיט־

בירגער, פיאָדאָר פעטראָוו, פלעגט מענ אינ פיל שטעט אויכ ווײַזנ פאר געלט אלס „א מענטשנ א הונט“.

אזעלכע פאלנ פונ ניט נאָרמאלער האָריקײַט טרעפנ זיכ ניט נאָר בא מאנצבלענ, נאָר אויכ בא פרויענ. איינע א שטארק האָריקע פרוי פונ מעקסיקע, יוליא פאסטראנא, איז געווענ א בארימטע טענצערנ. ס׳איז באקאנט אפילע א פאל, ווענ שטארקע האָריקײַט איז איבערגעגעבנ געוואָרנ בעירושע: אינ איינער אנ אינדישער פאמיליע האָט דער זיידע, דער פאָטער אונ דער זונ פארמאָגט די דאָזיקע כײַיִשע סימאָנים.

פונוואנענ זשע נעמענ זיכ בא א מענטשנ אָט די אלע סימאָנים פונ כײַעכ, וויבאלד ער קומט ארויס פונ אָדאָמענ מיט כאוועג? אפ דערויפ קאָנ יעדער גלייביקער, פארשטייט זיכ, ניט ענטפערנ גאָרניט אזוינס, וואָס זאָל זיכ לייגנ אפנ סייכל. די גײַסטלעכע ווידער ריידנ אײַנ דעמ אוילעמ, אז דאָס איז „א שטראָפ פונ גאָט“, דעמ „טײַוולס צייכנ“ אאוו. דעריבער פלעגנ זיי פײַניקנ אונ פארברענענ די דאָזיקע אומגליקלעכע, אומשולדיקע מענטשנ.

אומנוצלעכע טיילנ פונ קערפער באמ מענטשנ

דעמ עק אונ די האָר דארפ, פארשטײט זיכ, דער מענטש אינגאנצנ ניט האָבנ. נאָר אויב ס׳איז יאָ דאָ א גאָט אפ דער וועלט, איז צו וואָס גיט ער דאָס אלצ דעמ מענטשנ? א געניטער מײַסטער וועט דאָכ אינ א גוטער מאשינ קיינמאָל ניט מאכנ קיינ איבעריקע טיילנ.

מערקווירדיק איז, אז אומנוצלעכע, איבעריקע אָרגאנענ — טיילנ פונעמ קערפער — טרעפט מענ ניט נאָר בא קריפלענ, נאָר אויכ בא אלע געוויינלעכע, נאָרמאלע מענטשנ. יעדער מאנצבל, לעמאָשל, האָט פונ ביידע זײַטנ ברוסט-קאסטנ זויג-לעפעלעכ (соски), וואָס זײַנענ אימ אבסאָליוט ניט נייטיק. די געלערנטע האָבנ אויסגערעכנט, אז אזעלכע ניט נייטיקע אָרגאנענ איז אינעמ מענטשלעכנ קערפער פאראנ העכער הונדערט.

א סאכ פונ זיי איז ניט נאָר, וואָס דער מענטש דארפ זיי ניט האָבנ, זיי זײַנענ נאָכ אפילע שעדלעכ. אָט איז א בײַשפיל:

איינ טייל פונ אונדזערע קישקעס הייסט „די בלינדע קישקע“, ווײַל איינער פונ אירע עקנ האָט ניט קיינ עפענונג, קיינ ארויסגאנג. פונ דער דאָזיקער קישקע צווײַגט זיכ אָפ, ווי א מינ ווערעמל, א קליינע בלינדע אָפצווײַגונג, וועלכע הייסט „וואָרעמארטיקער אויסוווקס פונ דער בלינדער קישקע“ (אָדער אפ דער שפראכ פונ די געלערנטע — „אפענדיקס“). אָט-אָ-די אָפצווײַגונג שפילט, לעמאָשל בא די גראָזעסנדיקע כײַעס, א געוויסע ראָליע אינ דעמ פראָצעס פונ פארדייענ די שפײַז, אָבער אינעמ מענטשלעכנ אָרגאניזמ איז זי אבסאָליוט ניט נייטיק אונ קאָנ ברענגענ בלויז שאָדנ, ווײַל אָפט לײַדט זי פונ אָנצינדונג; די דאָזיקע קרענק הייסט „אפענדיציט“. אינ אזעלכע פאלנ קאָנ בלויז א געלונגענע רעכטצײַטיקע אָפעראציע, דאָס הייסט דאָס באזײַטיקנ דעמ אויסוווקס, ראטעווענ דעמ מענטשנ פונ טויט.

אויב אינעמ מענטשלעכנ קערפער געפינענ זיכ אזעלכע אומנוצלעכע אונ אפילע שעדלעכע אָרגאנענ, הײַנט ווי קאָנ מענ נאָכ גלייבנ, אז באשאפנ דעמ מענטשנ האָט

גאָט? ווענ עס זאָל מאַקע זײַנ א גאָט אױפ דער וועלט, וואָלט ער אויסגעבויט דעמ מענטשלעכנ קערפּער מער פּולקומ אונ וואָלט אימ ניט באַטיילט מיט אבסאָליוט אומנייטיקע אונ אנ אנדערשמאָל אפילע שעדלעכע אָרגאנענ, ווי, לעמאָשל, דער וואָרעמאַרטיקער אויסוווּקס. וויבאַלד אָבער אזעלכע אָרגאנענ זײַנענ יאָ פאַראַנ, באַווײַזט עס, ווי ליגנעריש עס זײַנענ די באַהויפּטונגענ פונ די אלערליי גײַסטלעכע וועגנ דער גרויסער קלוגהײַט אונ „זעליקײַט“ פונ גאָט.

פאַרוואָס זשע ווערנ געבוירנ מענטשנ מיט עקנ אונ האָריקע, אונ פאַרוואָס איז אינ מענטשלעכנ קערפּער פאַראַנ איבעריקע אונ שעדלעכע אָרגאנענ? דערפאַר, וואָס דעמ מענטשנס אורעלטערנ זײַנענ געווענ חײַעס.

דער מענטש שטאַמט פונ אזעלכע זויג־חײַעס, וועלכע האָבנ געהאַט עקנ, זײַנענ געווענ באַדעקט מיט געדיכטע האָר, האָבנ פאַרמאָגט גרויסע וואָרעמאַרטיקע אויסוווּקסנ אאוו. עקיקײַט, האָריקײַט אונ אנדערע חײַשע שטריכנ — דאָס זײַנענ שפּורנ פונ דער געשיכטע פונ דעמ מענטשנס נאַטירלעכער אנטוויקלונג פונ נידעריקע חײַשע פאָרמענ.

דאָס איז זייער גוט צו דערזעענ אפנ בײַשפּיל פונ דער בלינדער קישקע. די געלערנטע האָבנ אנטדעקט, אז די בלינדע קישקע איז שטאַרק נייטיק פאַר יענע חײַעס, וועלכע שפּײַזנ זיכ מיט געוויקסנ, אונ דעריבער איז זי בא זיי פיל לענגער איידער באַמ מענטשנ. די בלינדע קישקע האָט דער מענטש באַקומענ בעירושע פונ זײַנע אורעלטערנ, וועלכע האָבנ זיכ געשפּײַזט קימאַט אויסשליסלעכ מיט געוויקסנ. אָבער איצט, ווענ דער מענטש געברויכט זייער ווייניק גראָבע געוויקסנ־שפּײַז, האָט די בלינדע קישקע באַמ מענטשנ פאַרלאָרנ דעמ פרײַערדיקנ באַדײַט אירנ.

די געלערנטע האָבנ געפונענ אינ מענטשלעכנ קערפּער זייער א סאַכ אזעלכע „שפּורנ פונ אמאָל“. די אלע אומנייטיקע אונ שעדלעכע אָרגאנענ זײַנענ א ירושע פונ דעמ מענטשנס חײַשע אורעלטערנ.

מיר קומענ אזוי־ארומ צומ אויספיר, אז אינ דעמ מענטשלעכנ קערפּער גופע געפינענ זיכ אזעלכע סימאָנימ, וועלכע זאָגנ אײַדעס, אז דער מענטשלעכער מינ שטאַמט פונ חײַעס!

III. וועגנ וואָס זאָגט אײַדעס דער מענטשלעכער עמבריאָנ?

קעמערל אונ באַפרוכפּערונג

די ענגע פאַרבינדונג צווישנ דעמ מענטשנ אונ די באַלעכײַימ איז געוואָרנ באַזונדערס קלאָר דאַנ, ווענ דער וויסנשאַפט האָט זיכ אײַנגעגעבנ נאָכשפּירנ אלע אנטוויקלונג־שטופּעס פונ דעמ מענטשלעכנ עמבריאָנ אינ דער מוטערס טראַכט.

ווענ די געלערנטע האָבנ גענומענ שטודירנ דעמ געבוי פונ פאַרשיידענע לעבעדיקע וועזנס מיט דער הילפ פונ דעמ מיקראָסקאָפּ — א ספּעציעלער אינסטרומענט מיט פאַרגרעסערונג־גלעזער, — האָבנ זיי אנטדעקט דאָס, וואָס מיט קיינ געווינלעכ אויג זעט מענ עס ניט. עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז די באַלעכײַימ אונ געוויקסנ באַשטייענ אינ גרונט פונ א סאַכ זייער קליינע טיילעכלעכ פונ פאַר־

שיידענעמ אויסזענ. די דאָזיקע טיילעכלעך רופט אָנ די וויסנשאַפט — „קעמערלעך“ אָדער „צעלנ“.

אלס מוסטער פונ איינעמ פונ די לעבעדיקע וועזנס, וואָס זיינענ געבויט אפ דעמ סאמע איינפאכנ אויפנ, קאָנ דינענ די אמעבא, וועלכע האלט זיכ אופ אינ קאַליוזשעס אונ סאַזשלקעס. די אמעבא איז ניט מער ווי א שטיקל דורכזיכטיק שליימ מיט א קליינ קערפּערל — א יאָדערל — אינעווייניק. די אמעבא געהערט צו די סאמע איינפאכע באלעכאַיִמ, זי איז אנ איינצעליקע, ווײַל דער גאנצער קערפּער אירער באשטייט ווי פונ איינ קעמערל.



מיקראָסקאָפּ — א שפּאַקטיוו, וואָס דער הויפּט-טייל זײַנער באשטייט פונ עטלעכע פאַרגרעסערונג-גלעזער, וועלכע זײַנענ אפ א ספּעציעלנ אויפנ צוזאמענגעפּאַסט צווישנ זיכ אונ געפינענ זיכ אינ איינ טרײַבל

דער מיקראָסקאָפּ האָט געוויזנ, אז דעמ מענטשנס קערפּער איז געבויט, ווי דער קערפּער פונ אנדערע קאָמפּליצירטע אָרגאניזמענ — איבערהויפּט פונ קעמערלעך. דערבײַ האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז פארשיידענע טיילנ פונ מענטשלעכנ קערפּער באשטייענ פונ פארשיידענע מינימ צעלנ. דער מענטש, הייסט עס, איז א פילצעליקער באלעבאָס.

דער מיקראָסקאָפּ האָט אויכ געגעבנ די מעגלעכקײַט פעסטצושטעלנ, אז אלע אָרגאניזמענ אָנ אויסנאָמ הייבנ אָנ זייער אנטוויקלונג פונ אזא צושטאנד, ווענ דער עמבריאָנ איז ענלעכ צו אנ איינצעליק וועזנ. ווײַטער איז דערוויזנ געוואָרנ, אז איינצעליקע אָרגאניזמענ פארמערנ זיכ דורכ דעמ, וואָס דער מוטערס קעמערל טיילט זיכ. אָבער פילצעליקע אָרגאניזמענ (לעמאָשל ווערעמ, פיש, פייגל, בהמות, מענטשנ) פארמערנ זיכ געוויינלעכ אפ א געשלעכטלעכנ אויפנ, דורכ דער צונויפגיסונג די געשלעכט-קעמערלעכ פונ דעמ „ער“ אונ פונ דער „זי“. דאָס געשלעכט-קעמערל פונ דער פרוי הייסט — „איי“, אונ דאָס געשלעכט-קעמערל פונ דעמ מאנצבל — „ספּערמאטאָזאָיִד“. ווענ דער ספּערמאטאָזאָיִד דרינגט ארײַנ אינ איי אונ פארייניקט זיכ מיט דעמ, דאנ בילדעט זיכ אויס א באפרוכפּערט איי-קעמערל, אונ פונ דעמ דאָזיקנ איי-קעמערל אנטוויקלט זיכ בעהאדראָגעדיק דער אָרגאניזמ.

יעדער מענטש האָט זיכ אמאָל אנטוויקלט אינ דער מוטערס קערפּער אדאנק דעמ, וואָס עס האָבנ זיכ צונויפגעגאָסנ צוויי געשלעכט-קעמערלעכ — דאָס פרוייִשע אונ דאָס מאנצבלשע, דאָס הייסט דאָס איי אונ דער ספּערמאטאָזאָיִד. דער עמבריאָנ שפּײַזט זיכ בעשאס זײַנ אנטוויקלונג מיט דער מוטערס זאפטנ. ער שטעלט מיט זיכ פאָר א קליינ שטיקל שטאָפ, וואָס איז באדעקט מיט א הײַטל אונ איז צוגעפּעסטיקט אינעווייניק צו דער מוטערס קערפּער, צו איר טראכט (матка). אָבער דער מענטש שטעלט ניט פאָר אינ דער דאָזיקער היניזיכט עפּעס א באזונדערס, אנ אויסשליסלעכס, ווײַל אפ דעמ זעלבנ אויפנ אנטוויקלט זיכ דער עמבריאָנ פונ אלע זויג-בהמות.

דערבײַ איז אינטערעסאנט אָט וואָס: ווענ מיר קוקנ זיכ צו אופמערקזאמ אונטערנ מיקראָסקאָפּ צו דעמ געבוי פונ דעמ באפרוכפערטנ איי-קעמערל, זעענ מיר, אז אינעמ קעמערל איז נאָכ ניטאָ גאָרניט אזוינס, וואָס זאָל זײַנ ענלעכ אפ א קינד. ווענ מיר נעמענ פארגלײַכנ דאָס איי-קעמערל מיט די באפרוכפערטע איי-קעמערלעכ, לעמאָשל, פונ א קרעפּס, פיש, שלאנג, הונ, קאצ אאוו., זעענ מיר, אז אינ אָנהייב פונ זײַנ אנטוויקלונג איז דער עמבריאָנ פונ דעמ מענטשנ און פונ פארשיידענע כײַעס זייער ענלעכ איינער אפ דעמ אנדערנ. דערפונ מאכנ



דאָס מענטשלעכע איי בא דער מוטער אינ בויכ. ארומ דעמ שווימענ ארומ קליינע ספערמאטאָזאָידנ. ווענ איינער פונ זיי דרינגט ארײַנ אינווייניק אינ איי ארײַנ, הייבט אָנ פונ דעמ דאָזיקנ איי זיכ אנטוויקלענ דער מענטש



איינס פונ די סאמע פּאָשעטע לעבעדיקע וועזנס — די אמעבא. זי לאָזט ארויס פונ זיכ א סאכ אויסוווקסנ („פאלשפיסלעכ”), וואָס מיט זייער הילפ באוועגט זי זיכ איבערנ וואסער און כאפט ארײַנ שפּײַז-שטאָפנ

מיר דעמ אויספיר, אז דער מענטש איז אינ לעצטנ סאכאקל ארויסגעקומענ פונ איינצעליקע באשעפענישנ, דערבײַ האָט סײַ דער מענטש און סײַ די כײַעס איינע און די זעלבע ווײַטע אורעלטערנ. אנדערש גערעדט, דער מענטש און די כײַעס שטאמענ פונ איינ וואָרצל — פונ די איינפאכ געבויטע באלעכײַימ, וועלכע האָבנ געלעבט אפ דער ערד אינ די סאמע ווײַטע צײַטנ פונ איר געשיכטע.

וויאזוי אנטוויקלט זיכ דער מענטשלעכער עמבריאָנ

די ערשטע ענדערונגענ, וועלכע קומענ פאָר אינ דעמ באפרוכפערטנ איי-קעמערל באמ אָנהייב פונ זײַנ אנטוויקלונג, זײַנענ איינע און די זעלבע סײַ בא דעמ מענטשנ און סײַ בא די כײַעס.

וויאזוי זשע זעט אויס דער אנטוויקלונגס-גאנג פונ דעמ מענטשלעכנ עמבריאָנ?

שפּײַזנדיק זיכ מיט דער מוטערס זאפטנ, וואקסט דאָס איי-קעמערל און טיילט זיכ פריער אפ צוויי צעלנ, דערנאָכ אפ 4, אפ 8, אפ 16 אאוו. אזויארומ בילדעט זיכ אויס פונ אנ איינצעליקנ עמבריאָנ א פילצעליקער. בא דעמ פילצעליקנ עמבריאָנ הייבנ זיכ אָנ בעהאדראָגעדיק אויסצובילדנ פארשיידענע אָרגאנענ: עס מערקט זיכ אָנ דער קאָפּ, די פיס, הענט אאוו. אָבער אָט די אלע טיילנ פונ קערפּער זײַ-

גענ נאָכ ניט ענלעכ צו יענע, וועלכע עס האָט א קינד באַמ געבוירנ. דער מענטשלעכער עמבריאָנ איז אבסאָליוט ניט געראָטנ אפ א דערוואקסענעמ מענטשנ, אונ בלויז בעהאדראָגעדיק הייבנ זיכ אָנ אויסצוטיילנ די אויגנ אונ די אויערנ אפנ קאָפּ, די פינגער אפ די הענט אונ אפ די פיס אאוו.

באזונדערס איז צו באוווּנדערנ דאָס, וואָס דער מענטשלעכער עמבריאָנ האָט א שטיק צײַט אזעלכע אָרגאנענ, וואָס בא א דערוואקסענעמ מענטשנ טרעפנ מיר זיי אינגאנצנ ניט. אָט זײַנענ עטלעכע בײַשפּילנ.



דאָס הארצ פונ פארשיידענע רוקנביינִיקע באלעכײַמ. דאָס בילד באווײַזט זייער קלאָר דעמ בעהאדראָגעדיקנ איבערגאנג פונ א הארצ מיט צוויי אָפּטיילנ צו א הארצ מיט פיר אָפּטיילנ (פונ דעמ פיש ביז דער רעפּטיליע). 1. — דאָס הארצ פונ א פיש; 2. — דאָס הארצ פונ צווייאָטעמדיקע; 3. — דאָס הארצ פונ א סאלאמאנדרע; 4. — דאָס הארצ פונ אנ עגדעש; 5. — דאָס הארצ פונ א קראָקאָדיל.

אפ דער דריטער—פערטער אנטוויקלונגס-וואָכ כאַפּט דער מענטשלעכער עמבריאָנ א ביסל דעמ אָנבליק פונ א פיש: די הענט אונ די פיס זײַנענ ענלעכ אפ פלוספעדערנ, אונ פונ ביידע זײַטנ קאָפּ געפינט זיכ א ריי זשאברעס-שפּאלטנ, וואָס זײַנענ שטארק ענלעכ צו די זשאברעס-שפּאלטנ בא פיש.

דער מענטשלעכער עמבריאָנ האָט אנ עק, העכער האלט דער עק די גרעסטע לענג בייס דער פינפטער—זעקסטער וואָכ, ווענ ער טיילט זיכ בוילעט אויס איגעמ קערפּער, אונ באשטייט פונ פיל קנאָפּביינדלעכ. דערנאָכ הייבט דער עק אָנ צו ווערנ קירצער, ווײַל אייניקע קנאָפּביינדלעכ גייענ זיכ פאנאנדער אונ ווערנ פארשווונדנ. יענע עק-קנאָפּביינדלעכ, וואָס בלײַבנ, וואקסנ זיכ צונויפ אונ בילדנ דאָס אזויגערופענע רויטפּיסל (копчик). עס געפינט זיכ בא א דערוואקסענעמ מענטשנ אינ אונטערשטנ טייל פונ דעמ קריזש, אונטער דער הויט, אימ איז גרינג אָנצוטאַפּנ.

אזויארומ מאכט דורכ דער מענטשלעכער עמבריאָנ, וועלכער איז אינ אָנהייב פונ זײַנ אנטוויקלונג ענלעכ צו די איינפאכסטע איינצעליקע באלעכײַמ, א גאנצע ריי ענדערונגענ. אפ א מענטשנ ווערט ער ענלעכ צו ביסלעכווײַז, בעהאדראָגעדיק.

זייער אינטערעסאנט איז זיכ צוצוקוקנ, וויאזוי עס אנטוויקלט זיכ באַמ עמבריאָנ דאָס הארצ. ווי עס איז באוווּסט, געפינט זיכ דעמ מענטשנס הארצ אינ דער ברוסט-הוילונג אונ באשטייט פונ פיר אָפּטיילנ: צוויי הארצ-קאמערנ אונ צוויי פאָדערהארצ-קאמערנ. אָבער אינ די ערשטע אנטוויקלונגס-שטופעס איז דאָס מענטשלעכע הארצ געבויט ווי דאָס הארצ בא א פיש, דאָס הייסט עס באשטייט פונ צוויי אָפּטיילנ: פונ איינ הארצ-קאמער אונ איינ פאָדערהארצ-קאמער.

א ביסעלע שפּעטער באקומט שוינ דאָס הארצ דעמ אָנבליק פונ דעמ הארצנ בא אנ אמפיביע (א מוסטער פונ אנ אמפיביע איז די זשאבע). דאָס הארצ האָט שוינ דריי אָפּטיילנ: צוויי פאָדערהארצ-קאמערנ אונ איינ הארצ-קאמער. ווייטער, מיט דער צייט, ווערט שוינ דאָס מענטשלעכע הארצ ענלעכ צו דעמ הארצנ פונ א רעפּטיליע [א מוסטער פונ א רעפּטיליע איז דער עגדעש (ящерица)]. דאָס איז צו זענ דערפונ, וואָס דאָס הארצ באשטייט שוינ פונ פיר אָפּטיילנ, אָבער די רעכטע אונ די לינקע זייט זיינענ נאָכ ניט אָפּגעצוימט מיט א מויב ווענטל איינס פונ דאָס אנדערע, זיי האָבנ נאָכ צווישנ זיכ א פארבינדונג. ניט מיטאמאָל, בעהאדראָגעדיק ווערט די דאָזיקע עפענונג פארוואקסנ, אונ דאָס הארצ באקומט די פאָרמע פונ דעמ הארצנ בא א דערוואקסענעמ מענטשנ.

צומ סאָפ פונעמ פינפטנ כוידעש שוואנגערשאפט האָט שוינ דער עמבריאָנ דעמ אויסזענ פונ א מענטשנ, אָבער דער גאנצער קערפּער כוצ דער דלאָניע אונ די פּיאטעס איז באדעקט מיט האָר, ווי מיט א מינ איידעלער וואָל. אפילע דער שטערנ, די באקנ אונ די נאָז זיינענ צוגעדעקט מיט א האָריקנ פוכ, אונ אפ דעמ אָרט, וווּ פריִער איז געווענ דער עק, געפינט זיכ אנ עמעסע האָר-טשופּרינקע, וועלכע מע קאָנ פארדרייענ מיט די פינגער. אינ אָט דער צייט איז דער מענטשלעכער עמבריאָנ אינ א געוויסער מאָס געראָטנ אינ די העכערע מינימ מאלפּעס. דער דאָזיקער האָריקער צודעק פאלט אָפּ ערשט גאָר ניט לאנג פארנ געבוירנ.

ביז 10 וואָכנ איז אומעגלעכ צו באשטימענ, צו וועלכנ געשלעכט געהערט דער עמבריאָנ. כאָטש צו דער דאָזיקער צייט האָט ער שוינ געשלעכט-אָרגאנענ, נאָר סיי באמ יינגלע סיי באמ מיידעלע זעענ זיי אויס אלציינס. הייסט עס, אז דער עמבריאָנ אינ דעמ דאָזיקנ עלטער איז א מינ צווייגעשלעכטלעכעס וועזנ, דאָס הייסט, ס'איז שווער צו זאָגנ, צי איז עס א „זי“ צי אנ „ער“. דערנאָכ ווערט דער עמבריאָנ פארוואנדלט פונ א מאָדנע צווייגעשלעכטלעכע באשעפעניש אינ אנ איינגעשלעכטלעכע. טאקע אינגאנצנ?

ניינ. לעמאָשל, בא יעדנ דערוואקסענעמ מאנצבל בלייבט א געוויסער שפּור פונ זיינ עמבריאָנאלער געשלעכט-אנטוויקלונג — דאָס זיינענ די ברוסט-לעפּעלעכ, וועלכע זיינענ אימ אבסאָליוט ניט נייטיק. כוצ דעמ, דארפ מענ צוגעבנ, אז אמאָל ווערנ געבוירנ צווייגעשלעכטלעכע מענטשנ, וואָס בלייבנ אפנ גאנצנ לעבנ האלבע מאנצבלענ, האלבע פרויענ (די אָרגאנענ פונ איינ געשלעכט זיינענ בא זיי טעטיק, אָבער די אָרגאנענ פונעמ צווייטנ געשלעכט בלייבנ אינ דער אָדער אינ יענער מאָס ניט אינגאנצנ אנטוויקלט).

די עמבריאָנאלע אנטוויקלונג אונ די כייִשע סימאָנימ

אזויארומ, האָט דער מענטשלעכער עמבריאָנ א גאנצע ריי שטריכנ, וועלכע טיילנ אימ אָפּ שארפ פונ דעמ דערוואקסענעמ מענטשנ. וויאזוי זשע קאָנ מענ דערקלערנ די דאָזיקע דערשיינונג, אויב מיר זאָלנ גלייבנ, אז די מענטשנ קומענ ארויס פונ גאָטס באשעפענישנ — אָדאָמענ אונ כאווענ? אפ אָט דער פראגע קאָנ אויכ קיינ איינ גייסטלעכער ניט געבנ קיינ שומ ענטפער.

דערפאר אָבער דערקלערט אונדז די וויסנשאפט אדאנק די דאָזיקע פאקטנ, פארוואָס עס טרעפנ זיכ מענטשנ מיט כײַישע סימאָנימ. עס איז דאָנ קלאָר, אז וויבאלד עס ווערנ געבוירנ מענטשנ עקיקע, האָריקע אָדער צווייגעשלעכטלעכע, איז עס דערפאר, וואָס די עמבריאָנאלע אנטוויקלונג בא אָט די מענטשנ איז געגאנגענ ניט פינקטלעכ, אומנאָרמאל: יענע אייגנשאפטנ פונ דעמ עמבריאָנ, וואָס געווײנלעכ פארשווינדנ זיי, זײַנענ איבער אייניקע סיבעס פארבליבנ בא זיי אפנ גאנצנ לעבנ.

אָבער פונוואנענ האָבנ די דאָזיקע אייגנשאפטנ זיכ באוויזנ באמ מענטשלעכנ עמבריאָנ? אויכ אפ דער דאָזיקער פראגע האָט זיכ אײַנגעגעבנ דער וויסנשאפט צו באקומענ א גאנצ פינקטלעכנ אונ באשטימטנ ענטפער. אָט די אלע אייגנשאפטנ זאָגנ אײדעס בלויז וועגנ איינ זאכ: די וואָרצלענ פונ דעמ מענטשלעכנ מינ געפינענ זיכ טיפ אינ דער באלעכײַימ=וועלט.

די זשאברעס=שפאלטנ, וואָס עס האָט דער מענטשלעכער עמבריאָנ, באווײַזנ, אז צווישנ די ווײַטע אורעלטערנ פונ דעמ מענטשנ זײַנענ געווענ וואסער=באלעכײַימ, וועלכע אָטעמענ מיט זשאברעס. דעמ עמבריאָנס עק באווײַזט, אז צווישנ די נענטערע אורעלטערנ פונעמ מענטשנ זײַנענ געווענ עקיקע כײַעס, אונ דעמ עמבריאָנס האָר=צודעק זאָגט וועגנ דעמ, אז די דאָזיקע עקיקע כײַעס זײַנענ געווענ באדעקט מיט וואָל. מיט איינ וואָרט, אלע אייגנשאפטנ פונ דעמ מענטשלעכנ עמבריאָנ געפינענ זייער דערקלערונג אונ זאָגנ אײדעס וועגנ דער כײַישער אָפשטאמונג פונ דעמ מענטשנ.

געוואָרנ איז עס באזונדערס קלאָר נאָכ די אויספאָרשונגענ פונ דעמ גרויסנ דײַטשישנ נאטור=פאָרשער ערנסט העקעל (1843—1919), איינעמ פונ דארווינס גרעסטע נאָכפאָלגער. שטודירנדיק די עמבריאָנאלע אנטוויקלונג פונ פארשיידענע באלעכײַימ, האָט העקעל אינ 1866 יאָר אנטדעקט, אז אָט די אנטוויקלונג איז זייער ענלעכ צו דער עמבריאָנאלער אנטוויקלונג פונ דעמ מענטשנ. דערבײַ האָט ער פעסטגעשטעלט זייער אנ אינטערעסאנטנ פאקט, וועלכער האָט געוואָרפנ א העלע שײַנ אפ דער פראגע וועגנ דער אָפשטאמונג פונ דעמ מענטשנ. העקעל האָט געפונענ, אז לויט דער אנטוויקלונג פונ דעמ מענטשלעכנ עמבריאָנ קאָנ מענ אורטיילנ וועגנ דער אלגעמיינער ריכטונג פונ יענעמ פראָצעס, וואָס האָט געבראכט צו דער אנטשטייונג פונ דעמ מענטשלעכנ מינ.

עמבריאָנענ פונ פארשיידענע כײַעס

נאָכ מיט 300 יאָר צוריק האָט דער ענגלישער געלערנטער גארוויי, וועלכער איז בארימט געוואָרנ דערמיט, וואָס ער האָט אנטדעקט די בלוט=צירקוליאציע, געלערנט, אז „אלדאָס לעבעדיקע — פונ דעמ איי“. מיט דער דאָזיקער פראזע האָט ער אויסגעדריקט דעמ געדאנק, אז יעדע לעבעדיקע באשעפעניש, אָנ אויסנאמ, הייבט אָנ איר אנטוויקלונג פונ דעמ איי=צושטאנד, דאָס הייסט פונ איינ קעמערל. שטודירנדיק די עמבריאָנאלע אנטוויקלונג, האָט העקעל אנטדעקט, אז די עמבריאָנענ פונ פארשיידענע באלעכײַימ זײַנענ לעכאטכילע זייער ענלעכ איינער צומ צווייטנ, אונ ער האָט געגעבנ א דערקלערונג פונ אָט דעמ דאָזיקנ פאקט.

לאָמיר אוועקלייגנ איינס לעבנ דאָס אנדערע, לעמאָשל, אזעלכע עמבריאָנענ:



דער בארימטער נאטור-פאָרשער ערנסט העקעל

פונ א וואָרעמ, העכט, זשאבע, שילדקרעט (черепаха), הונט, כאזיר, הינ, מאלפּע אונ פונ א מענטשנ. ווי ווייט ניט ענלעכ זיינענ די דאָזיקע אָרגאניזמענ דערוואקסענערהייט! איר האָט דאָ אי א באַלעכן אָנ א רוקנבייג, אי פונ די נידעריקערע, אי פונ די העכערע רוקנבייניקע באַלעכייִמ, אייַנגעשלאָסנ דעמ מענטשנ. אָבער אַלע עמבריאָנענ פונ די דאָזיקע באַלעכייִמ זיינענ אינ די ערשטע פעריאָדנ פונ זייער אנטוויקלונג ענלעכ צווישנ זיכ; זיי זיינענ אַפ אַזוי פיל ענלעכ, אַז ס'איז זייער שווער אָפּצוטיילנ איינעמ פונ דעמ אַנדערנ. ערשט שפּעטער, אינ די ווייַטערדיקע פעריאָדנ פונ דער עמבריאָנאַלער אנטוויקלונג, הייבט זיכ אָנ, בעהאַדראָגעדיק צו אנטפּלעקנ דער אונטערשייד צווישנ זייערע פאָרמענ.



די עמבריאָנענ פונ דריי זויג-כייעס — פונ דער פלעדערמויז (לינקס), פונ דעמ גיבאָנ (אינמיטנ) אונ פונ דעמ מענטשנ (רעכטס) אַפ דריי אַלציינע אנטוויקלונגס-שטופעס. עס איז צו באמערקנ, אַז דער מענטשלעכער עמבריאָנ איז זייער גערעָטנ אַפ דעמ עמבריאָנ פונ דער הויכ-אנטוויקלטער מאלפּע — פונ דעמ גיבאָנ. דערפונ איז געדרונגענ, אַז די הויכ-אנטוויקלטע מאַלפּעס זיינענ דעמ מענטשנס נאָענטע קרויווימ

וואָס ווייַטער עס האַלט די אנטוויקלונג פונ פארשיידענע באַלעכייִמ, אַלצ בוילעטער אנטפּלעקט זיכ דער אונטערשייד צווישנ זיי. דאָס איז, אָנ סאָפעק, א באַווייַז, אַז די העכערע באַלעכייִמ=פאָרמענ שטאמענ פונ די נידעריקע.

אינ צוזאמענהאנג דערמיט איז צו באמערקנ א גאנצ טשיקאווע דערשייַנונג — די עמבריאָנענ פונ די העכערע באַלעכייִמ, ווערנדיק אַלצ קאָמפּליצירטער, גייענ דורכ אַזעלכע אנטוויקלונגס=שטופּעס, ווענ זיי זיינענ ענלעכ צו די עמבריאָנענ פונ די נידעריקערע באַלעכייִמ.

למשל, דער מענטשלעכער עמבריאָנ איז גערעָטנ אַפ א געוויסער אנטוויקלונגס=שטופּע אינ דעמ וואָרעמ, דערנאָכ אינ דעמ פיש, ווייַטער אינ דעמ קאָפּעקל (головастик) אונ נאָכ ווייַטער אינ א זויג=כייע. לענגער פאר אַלצ איז דער מענטשלעכער אָרגאניזמ ענלעכ צו דעמ עמבריאָנ פונ די הויכ=אנטוויקלטע מאַלפּעס.

דער באַווייַז פונ דער כייִשער אָפּשטאמונג פונ דעמ מענטשנ

וואָס זשע לערנענ אונדז אָט די אַלע פאקטנ? זיי זאָגנ איידעס, אַז יעטווידע לעבעדיקע באַשעפעניש טראָגט אַפ זיכ אינעמ עמבריאָנאַלנ צושטאנד דאָס שטעמפּל פונ איר ווייַטער אָפּשטאמונג. די אנטוויקלונג פונ יעדנ איינציקנ וועזנ איז א קורצע איבערכאַזערונג פונ דער אנטוויקלונג פונ דעמ געגעבענעמ ארט באַלעכייִמ. אַנ=



בעהאדראָגעדיקע אנטוויקלונג פונ דעמ מענטשלעכנ עמבריאָנ. די צייכענונג באווייזט, אז אפ די פרייִקע שטופעס פונ זייַנ אנטוויקלונג איז דער מענטשלעכער עמבריאָנ זייער געראָטנ אפ א באלעכייַ

דערש גערעדט, יעדע לעבעדיקע באשעפעניש כאזערט ווי איבער אינקורצנ די פארגאנגענהײַט פונ איר מינ.

דעמ דאָזיקנ ביז גאָר וויכטיקנ אויספיר איז זייער לײַכט צו פארשטײַנ, ווענ מע קוקט זיכ צו, ווי עס אנטוויקלט זיכ דער פראָש. דער פראָש לייגט אָפּ אינ וואסער ארײַנ רויג; יעדער איינציק רויגעלע איז איינ קעמערל. פונ דעמ רויגעלע קומט ארויס א קאָפּעקל, וועלכער איז אינ אָנהייב ענלעכ אצ א פישל, לעבט אינ וואסער אונ אָטעמט מיט זשאברעס, דערנאָכ קומענ אימ צו פיס, פאמעלעכנ פארשווינדט דער עק אונ די זשאברעס, אונ ער ווערט פארוואנדלט אינ א פראָש, וואָס אָטעמט מיט לונגענ אונ וווינט אפ דער ערד.

דאָס אלצ באווײַזט, אז די סאמע ווײַטע אורעלטערנ פונ דעמ פראָש זײַנענ געווענ איינצעליקע וועזנס, אונ די וואסער=כײַעס, וועלכע אָטעמענ מיט זשאברעס, דאָס זײַנענ שוינ זײַנע נעענטערע אורעלטערנ. ווענ דער פראָש הייבט אָנ זײַנ לעבנ פונ דעמ איינעמ רויגעלע, כאזערט ער איבער אינ א קורצ שטיקל צײַט אונ אינ די סאמע אלגעמיינע שטריכנ דעמ אנטוויקלונגס=גאנג פונ זײַנ מינ, פונ דעמ מינ — „פראָש“.

אזויארומ האָט די וויסנשאפט פעסטגעשטעלט, אז יעדער באזונדער אָרגאניזמ כאזערט איבער אינ מעשעכ פונ זײַנ עמבריאָנאלער אנטוויקלונג די גרונט=סטאדיעס פונ דער אנטוויקלונג, וועלכע האָבנ געבראכט צו דער אויסבילדונג פונ דעמ געגעבענעמ מינ. דעריבער קאָנ מענ זאָגנ, אז ווענ מיר שטודירנ די אנטוויקלונג פונ א וועלכנ=ניט=איז אָרגאניזמ, אָנהייבנדיק פונ דעמ איי ביז זײַנ דערוואקסענעמ צושטאנד, קאָנענ מיר פעסטשטעלנ יענע לאנגע קייט פונ פאָרמעס, וועלכע עס האָבנ דורכגעמאכט די אורעלטערנ פונעמ דאָזיקנ אָרגאניזמ פונ די אוראלטע צײַטנ אָנ ביז הײַנטיקנ טאָג.

די אנטוויקלונגס=שטופעס, וועלכע עס מאכט דורכ דער עמבריאָנ, ווײַזנ אונדז די אלגעמיינע ריכטונג פונ דעמ אנטוויקלונגס=גאנג פונ דעמ געגעבענעמ מינ באלעבײַמ. אונ דאָס באשטעטיקט אפנ גלענצנדיקסטנ אויפנ, אז די העכערע אָרגאניזמענ, ניט אויסשליסנדיק דעמ מענטשנ, האָבנ זיכ אנטוויקלט פונ נידעריקע אָרגאניזמענ אדאנק נאטירלעכע ענדערונגענ אינ מעשעכ פונ א דויערנדיקער צײַט.

דאָס דערלערנענ די אנטוויקלונג פונעמ מענטשלעכנ עמבריאָנ באווײַזט, אז ער כאזערט איבער אינקורצנ דעמ גאנצנ אנטוויקלונגס=גאנג פונ דער באלעבײַמ=וועלט. אינ דעמ עמבריאָנאלנ צושטאנד פארמאָגט ניט דער מענטש קיינ שומ אייגנשאפטנ, וועלכע זאָלנ אימ אוועקשטעלנ אויסער דער באלעבײַמ=וועלט. הייסט עס, אז עס קאָנ גאָר אפילע קיינ רייד ניט זײַנ, אז דער מענטש איז באשאפנ געוואָרנ דורכ עפּעס א ספּעציעלנ (שעפערישנ, געטלעכנ) אקט. אלצ זאָגט אײדעס, אז דער מענטש איז אדאנק א לאנגדויערנדיקער נאטירלעכער אנטוויקלונג אויסגעוואקסנ פונ דער באלעבײַמ=וועלט, דאָס הייסט די אָפּשטאמונג איז בא דעמ מענטשנ מיט די באלעבײַמ א געמיינזאמע. מענטשנ זײַנענ ניט די קינדער פונ אָדאָמענ, וועלכער איז קיינמאָל אפ דער וועלט ניט געווענ, נאָר זיי קומענ ארויס פונ דעמ קלאס זויג=כײַעס!

IV. פארוואָס און וויאַזוי ענדערנ זיכ די מינימ פונ באַלעכײַימ?

צי ענדערנ זיכ די מינימ פונ לעבעדיקע וועזנס?

וויבאלד מיר האַלטנ, אז די וואָרצלענ פונעמ מענטשלעכנ מינ געפינענ זיכ אינ דער באַלעכײַימ־וועלט, רײַסנ מיר דערמיט, נאַטירלעכ, אינגאַנצנ אײַנ מיט אײנעמ פונ די וויכטיקסטע פונקטנ פונ דער רעליגיע — מיט דער פאָרשטעלונג וועגנ דעמ געטלעכנ אָפּשטאַמ פונ דעמ מענטשנ. די דאָזיקע וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונג איז ענג פארבונדנ מיט דער פאָרשטעלונג, אז די מינימ פונ די פארשיידענע באַלעכײַימ זײַנענ ניט קײנ באַשטענדיקע זאַכ, אז מיט דער צײַט ענדערנ די לעבעדיקע באַשעפענישנ זײערע פאָרמענ.

דער געניאַלער געלערנטער דארווינ האָט אינ זײַנ ווערק, וואָס איז דערשינענ אינ 1859 יאָר, שטיצנדיק זיכ אַפ א קאָלאָסאַלער צאָל פאַקטנ, ענדגילטיק אָפּגעוואָרפנ די ביבלישע פאָרשטעלונג, אז יעדער מינ באַלעכײַ האָט זיכ באַוויזנ, פונקט ווי דער מענטשלעכער מינ, מיטאַמאָל, אינ א גרייטנ צושטאַנד אונ פארהיט זײַנ אויסזענ אַפ שטענדיק. אַדאַנק דארווינס ווערק איז צומ ערשטנ מאָל אינ דער וויסנשאַפט פעסטגעשטעלט געוואָרנ, אז די באַלעכײַימ, אונ דער מענטש דערונטער, האָבנ ניט געקאָנט אַנטשטײנ אומאָפּהענגיק אײנער פונ דעמ אַנדערנ. פאַרקערט, פארשיידענע כײַישע פאָרמענ זײַנענ ארויסגעקומענ אײנע פונ דער אַנדערער דורכ א באַשטענדיקנ, לאַנגזאַמענ ענדערונגס־פּראָצעס אינ מעשעכ פונ אַנ אומגעהײערנ צײַט־פּעריאָד, וועלכנ מע דאַרפ רעכענענ אינ די שווערע מיליאָנענ יאָרנ.

לויט דארווינס לערע קומענ ארויס אַלע מאָדערנע מינימ באַלעכײַימ פונ אורעלטערנ, וואָס אונטערשיידנ זיכ פונ זײ. אַלע מינימ, וואָס עקזיסטירנ בא הײַנטיקנ טאָג, זײַנענ ניט מער, ווי פארענדערטע אונ איבערגעבילדעטע שפּעטערדיקע דורעס פונ יענע באַלעכײַימ אונ געוויקסנ, וועלכע האָבנ באַפעלקערט די ערד אינ די אַמאָליקע צײַטנ אונ וואָס די רעשטנ זײערע געפינט מענ בא אויסגראָבונגענ אינ פארשיידענע שיכטנ פונ דער ערד־שאָלעכץ.

וואָס זשע האָט באַוויזנ דאָס דערלערנענ די אויסגעגראָבענע אָרגאַניזמענ? עס האָט פולקומ באַשטעטיקט דארווינס קוק, אז די מינימ פונ די לעבעדיקע באַשעפענישנ זײַנענ פארענדערלעכ. ס'האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז די באַלעכײַימ־ אונ געוויקסנ־וועלט פונ גאָר אַמאָל האָט זיכ שטאַרק אונטערשיידט פונ דער איצטיקער.

געווענ איז אַמאָל א צײַט, ווענ אַפ דער ערד זײַנענ ניט געווענ ניט קײנ מענטשנ, ניט קײנ זויג־כײַעס אונ אפילע ניט קײנ רוקנבײניקע באַלעכײַימ. לעבאַמ־כילע איז דאָס גאַנצע לעבנ געווענ קאָנצענטרירט אינ די יאַמענ, ווו עס האָבנ גע־ווימלט א סאַכ פארשיידענע קלײנע אונ גרויסע קרעפּסנ.

אינ פיל מיליאָנענ יאָר ארומ זײַנענ אינ די יאַמענ אופגעקומענ פיש. דערנאָכ האָט דאָס לעבנ אָנגעהויבנ פּאַמעלעכ אריבערגײנ פונ דעמ וואַסער אַפ דער טריקעניש, ווו עס האָבנ זיכ גענומענ באַווײַזנ באַלעכײַימ, וואָס שטײענ נאָענט צו די הײַנטיקע פרעש. פונ די איצטיקע פרעש האָבנ די דאָזיקע אַמפיביעס זיכ אונטערשיידט מיט זײער קאָלאָסאַלער גרייס אונ שרעקלעכנ אויסזענ.

עס זײַנענ פאַרגאַנגענ מיליאָנענ יאָרנ. דאַנ האָבנ זיך שטאַרק פאַרשפּרייט פאַרשיידענע באַלעכײַמ, וואָס זײַנענ קרויוומ מיט אונדזערע עגדעשנ, קראָקאָדילנ, שילדקרעטנ אונ שלענג. אינ די יאָמענ האָבנ געוווינט גרויסע יאַשטשערס, אַפ דער טריקעניש האָבנ אַרומגעבלאָנקעט גיגאַנטישע מאָנסטרנ, אונ אינדערלופטנ זײַנענ אַרומגעפלויגנ יאַשטשערס, ענלעכע צו די לעגענדאַרע דראַקאָנענ — זיי האָבנ געהאַט פליגל, ווי פלעדערמײַז, אונ מוירעדיקע קעפּ מיט שרעקלעכע ציינ. אינ יענער צײַט האָבנ צומ ערשטנ מאָל אינדערלופטנ זיך באַוויזנ פייגל מיט שטאַרקע ציינ, וואָס האָבנ ביכלאַל אויסגעזענ זייער מאָדנע.

עס איז אַוועקגעגאַנגענ נאָך אַ סאַך מיליאָנענ יאָרנ. אָט די אַלע באַלעכײַמ זײַנענ אינגאַנצנ פאַרשווּנדנ געוואָרנ. אָנשטאָט זיי זײַנענ אויפגעקומענ גיגאַנטישע זויג=כײַעס אונ פייגל. אויך אָט די באַלעכײַמ זײַנענ אינגאַנצנ פאַרשווּנדנ געוואָרנ פונ דער ערד אַפ שטענדיק אונ זײַנענ בעהאַדראָגעדיק פאַרביטנ געוואָרנ מיט יענע כײַעס, וועלכע עקזיסטירנ בײַ הײַנטיקנ טאָג.

דאָס שטודירנ די אויסגעגראָבענע אָרגאַניזמענ באַווײַזט קלאָר, אַז די מינימ באַלעכײַמ אונ געוויקסנ האָבנ די גאַנצע צײַט זיך געענדערט, פלעגנ אָנעמענ אַלץ נײַע אונ נײַע פאָרמענ.

עמעס, אייניקע פאָרמענ פונ לעבעדיקע וועזנס האָבנ אינ משך פונ צענדליקער מיליאָנענ יאָרנ זיך ווייניק=וואָס געענדערט. דאָס באַטײַט אָבער ניט, פאַרשטייט זיך, אַז די פאָרמענ פונ די לעבעדיקע באַשעפענישנ שטעלנ מיט זיך פאָר עפּעס אַזוינס, וואָס איז פאַרגליווערט איינמאָל פאַר אַלעמאָל, וואָס איז באַשטענדיק. פונ דער צווייטער זײַט, טרעפנ מיר אינ דער נאַטור ניט נאָר אַ קאָמפּליקאַציע פונ די פּאָשעטע אָרגאַניזמענ, עס מאַכט זיך אויך אַ פאַרקערטער פּראָצעס — אַ פאַרייִנפאַכונג פונ קאָמפּליצירטע אָרגאַניזמענ. אָבער אינ אַלגעמיינ איז די ענדערונג פונ די פאָרמעס פונ לעבעדיקע באַשעפענישנ געגאַנגענ איבערהויפּט אינ דער ריכטונג פונ קאָמפּליצירונג, דאָס הייסט פריִער האָבנ זיך באַוויזנ די סאַמע איינפאַכע אָרגאַניזמענ, דערנאָך מער קאָמפּליצירטע.

למשל, אינ די סאַמע עלטסטע שיכטנ פונ דער ערד געפינענ מיר פונ רוקנביייניקע באַלעכײַמ בלויז פיש, אינ די שפּעטערדיקע שיכטנ — אַמפיביעס אונ רעפּטיליעס, אונ, ענדלעך, אינ די סאַמע לעצטע שיכטנ — פייגל אונ זויג=כײַעס. הייסט עס, אַז וואָס דער אָרגאַניזמ איז קאָמפּליצירטער, אַלץ שפּעטער איז ער אויפגעקומענ אינ דער געשיכטע פונ דער ערד.

אַלע קאָמפּליצירטע אָרגאַניזמענ, וואָס עקזיסטירנ איצט, האָבנ זיך אַנטוויקלט דורך דער פאַרענדערונג פונ אַנדערע, מער איינפאַכע אָרגאַניזמענ. ס'איז גאַנצ וואַרשײַנלעך, אַז די ערשטע לעבעדיקע וועזנס זײַנענ געווענ ענלעך צו די איצטיקע איינצעליקע, דאָס הייסט זיי זײַנענ לויטנ אויסזענ געווענ ענלעך אַפ אַנ אַמעבע.

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, וואָס בײַמ מע האָט דערלערנט די אויסגעשטאָרבענע פאָרמענ פונ די באַלעכײַמ, האָט מענ אַנטדעקט איבערגאַנגפאָרמעס אָדער מיטעלע פאָרמעס, דאָס הייסט אַזוינע, וואָס באַזיצנ פאַרשיידענע, אַבסאָליוט קעגנזעצלעכע סימאָנימ.

למשל, מע האָט געפונענ אַנ אויסגעגראָבענעמ באַלעכײַ, וועלכנ מע האָט אַ



דער גרויסער נאטור-פאָרשער טשארלז דארווינ

גאָמען געגעבן „ערשטפויגל“. ער שיידט זיך שטאַרק אונטער פון די פייגל, וועלכע זײַנען אונדז באַקאַנט. לויט די ציין, לויט דער פאָרם פונעם קאָפּ און פון דעם רוקנביין כאַפּט ער דעם אָנבליק פון אַן עגדעש, אָבער אייגנצײַטיק האָט ער נאָך פליגל און פעדערן איבערן גאַנצן קערפּער, ווי אַ פויגל. דאָס איז אַן העכסט איבערצײַגנדיקער אייַדעס, אַז פייגל האָבן זיך אַנטוויקלט פון רעפּטיליעס. אַנדערש גערעדט, רעפּטיליעס זײַנען די פייגלס אורעלטערן.

דער „ערשטפויגל“, די גרייס ווי אַ ראָב. צום אונטערשייד פון הײַנטצײַטיקע פייגל האָט ער פאַרמאָגט ציין אין מויל און פינגער אַף די פליגל. דאָס איז אַן איבערגאַנג־וועזן צווישן אַן עגדעש און אַ פויגל (אונטן איז אָנגעמאָלט באַזונדערע עטלעכע עק־קנאָפּביינדלעך מיט פעדערן)

ניט ווייניקער מערקווירדיק זײַנען אין דער האָזיקער הינזיכט צוויי מאָדנע בײַעס — ענטלנאָז און יעכידנא, וועלכע לעבן אין אויסטראַליע. די דאָזיקע פירפיסיקע בײַעס האָבן אַ שנאָבל, ווי פייגל, כוץ דעם לייגן זיי אייער ווי פייגל און שלענג, דאָך האָדעוועט די מוטער די קינדער, וואָס קומען אַרויס פון די אייער, אַזוי ווי זויג־בײַעס — מיט איר מילך. אַזוי־אַרום איז די ענטלנאָז און די יעכידנא האַלבע פייגל, האַלבע זויג־בײַעס. דאָס, וואָס עס זײַנען פאַראַן אַזעלכע איבערגאַנג־פאָרמעס, באַווײַזט, אַז באַלעכײַים, וואָס האָבן לעבעדיקע קינדער, שטאַמען פון באַלעכײַים, וואָס לייגן אייער.

דער אויספיר איז, אַז מע קאָן ניט צווייפלען, אַז די איצטיקע מינים, סײַ באַלעכײַים און סײַ געוויקסן, זײַנען אויפגעקומען ניט מיטאַמאָל, אין אַ גרייטן צושטאַנד, נאָר זיי האָבן זיך אויסגעבילדעט בעהאַדראָגעדיק, דורך דויערהאַפטע ענדערונגען. די אומענדערלעכקײַט, די באַשטענדיקײַט פון די פאָרמעס בײַ די באַלעכײַים און געוויקסן איז בלויז שײַנבאַר, מאַכמעס דער טערמין פון אונדזערע באַאָבאַכטונגען איז זייער קורץ. ווען מיר זאָלן לעבן הונדערטער טויזנטער יאָרן, וואָלטן אַלע מינים באַלעכײַים און געוויקסן זיך געענדערט אַף אונדזערע אויגן און מיר וואָלטן געקאָנט באַמערקן, ווי זיי אַנטוויקלען זיך, קומען אויף און ווערן פאַרשווונדן.

פאַרענדערלעכקײַט, ירושעדיקײַט, פּרוכפּערדיקײַט

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ווען די אָרגאַניזמען זאָלן זיך ניט ענדערן, זאָלן ניט באַקומען קיין נײַע סימאָנים, וואָלט קיין רייד אַפילע ניט געקאָנט זײַן וועגן אַ וועלכער־ס'ניט־איז ענדערונג פון די מינים. אָבער די פאַרענדערלעכקײַט פון די אָרגאַניזמען איז אַן אומשטרײַטבאַרער פאַקט, וואָס מע קאָן זען אַף שריט און טריט, ווײַל יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש האָט זיך אירע פערזענלעכע באַזונדערקײַטן, אירע אייגנשאַפטן. מע האָט, לעמאָשל, פאַרגליכן 27 טויזנט עקזעמפּליאַרן פון איינעם און דעם זעלבן מוירקעפל און ניט געפונען צווישן זיי אַפילע

קיינ צוויי עקזעמפּליארנ, וועלכע זאָלנ ווי צוויי טראָפנס וואסער זײַנ ענלעכ איינער צו דעמ צווייטנ.

פונקט אזא אומשטרײַטבארער פאקט איז דאָס, וואָס די פארענדערלעכקײַט ווערט זייער אָפט איבערגעגעבנ בעיערושע די ווײַטערדיקע דוירעס. אינ גרונט כאַזערט דאָכ יעדע פונ די לעבעדיקע באַשעפענישנ איבער די פאָרמענ פונ אירע עלטערנ, ניט איבער אירע כאראקטעריסטישע אייגנשאפטנ פונ איינ דאָר צומ צווייטנ. אויב אינ א וועלכער-ס'ניט-איז פאמיליע באווײַזט זיכ עפּעס א נײַער סימענ, ווערט ער ניט זעלטנ איבערגעגעבנ בעיערושע, ווערט ער פארפעסטיקט אינ די ווײַטערדי-



די ענטלנאָז — אנ איבערגאנג-פאָרמע צווישנ כײַע אונ פויגל.

קע דוירעס. פארשטייט זיכ, אז גאָר יערושעדיקע פארענדערלעכקײַט, וואָס פארבלײַבט אפ לאנג צווישנ די ווײַטערדיקע דוירעס, קאָנ שפּילנ אנ אָנגעזעענע ראָליע אינ דער פארענדערלעכקײַט פונ די מינימ, אינ דער אנטוויקלונג פונ דער לעבעדיקער נאטור.

איז וואָס זשע איז די סיבע, וואָס עס ענדערנ זיכ די מינימ, וואָס עס באווײַזנ זיכ נײַע פאָרמענ פונ באַלעכײַימ? אינ וואָס באשטייט די וויכטיקסטע באוועגונגס-קראפט פונ דער דאָזיקער פארוואנדלונג?

אפ אָט דער פראגע האָט דארווינ געגעבנ א קלאָרנ ענטפער. ער האָט געזאָגט, אז די ענדערונגענ פונ פארשיידענע מינימ באַלעכײַימ אונ געוויקסנ קומענ פאָר אינ רעזולטאט פונ נאטירלעכנ אָפּקלײַב. דער אָפּקלײַב ווידער איז א רעזולטאט פונ קאמפ פאר עקזיסטענצ, וועלכער עקזיסטירט אינ דער אָדער יענער פאָרמ אומעטומ אינ דער לעבעדיקער נאטור.

דער טאָכ דערפונ איז, וואָס לעבעדיקע וועזנס ווערנ געבוירנ פיל מאָל מער,

איידער עס קאָנענ בלײַבנ לעבנ. דער קאַרפּ, לעמאָשל, ברענגט ארוים יערלעכ בא 400 טויזנט רויגעלעכ, דער שטערפיש — בא 2 מיליאָנ. ווענ די דאָזיקע גאנצע מאסע מיט עמברי־אָנענ וואָלט זיכ אנטוויקלט און וואָלט געבליבנ לעבנ, וואָלטנ בלויז אָט די צוויי מינימ פיש גאָר גיכ פארפולט אלע וואסערנ. קלאָר, אז ס׳וואָלט ניט געסטײַעט ניט קיינ אָרט און ניט קיינ שפּײַז פאר אלע באלעבאַטים און געוויקסנ.

לעבעדיקע באשעפענישנ טרעטנ ארײַנ נויטווענדיק אינ א קאמפ צווישנ זיכ, אינ א קאָנקורענצ — זיי שטרעבנ צו פארכאפּנ זיכ אנ אָרט אונטער דער זונ. עס מאכט זיכ, אז דער דאָזיקער קאמפ נעמט אָנ א בלוטיקנ כאראקטער, ווײַל אינ פיל פאלנ זײַנענ איינע אָרגאניזמענ די שפּײַז פונ אנדערע אָרגאניזמענ. אָבער אויכ אינ יענע פאלנ, ווענ דער קאמפ פאר דער עקזיסטענצ טראָגט א ווייניקער ברוטאלנ כאראקטער, גיט זיכ אײַנ ווײַט ניט אלע לעבעדיקע באשעפענישנ צו באוואָרענענ זיכ מיט שפּײַז און מיט פּרוכפּערונג. אומעטום און שטענדיק פאלט אויס אפ אייג אָרגאניזמ, וואָס בלײַבט לעבנ, הונדערטער און טויזנטער אזעלכע, וואָס קומענ אומ פונ הונגער, קעלט, טריקענישנ, פײַנט אאוו.

אזויארומ גיט זיכ אײַנ יעדנ לעבעדיקנ וועזנ צו באקומענ זײַנ „רעכט" אפ זעלבסטפארהיטונג און פארמערונג ניט גרינג. אפ יעדנ שריט און טריט געפינענ זיכ א מאסע שטערונגענ, צאָרעס, אומגליקנ. אומעטומ, וווהינ מיר זאָל ניט ווארפנ אונדזער אויג, סײַ אינ געדיכטנ גרינעמ וואלד, סײַ אינ דער ברייטער, זײַדענער ראכוועס פונ די סטעפּנ און לאָנקעס, סײַ אינ דער רויִקער בלויקײַט פונ די וואַ־סערנ און סײַ אינ די אייבערשטע שיכטנ פונעמ באָדנ אאוו. — אומעטומ זעענ מיר אנ אומופהערלעכנ געראנגל פונ לעבעדיקע באשעפענישנ צווישנ זיכ און מיט דער ארומיקער נאטור. אינעמ דאָזיקנ קאמפ קומענ אומ יעדע שאָ, יעדע מינוט מיליאָנענ וועזנס, אזוי אז אפ דער לעבנ־סצענע זײַנענ פאראנ „פיל פארבעטענע, אָבער ווייניק אויסדערוויילטע"...

דעריבער האָט דארווינ געשריבנ: „די נאטור זעט אונדז אויס, ווי זי פרייט זיכ; מיר זעענ אָפט מויסרעס שפּײַז; מיר זעענ ניט, אָדער מיר פארגעסנ, אז די פייגל, וועלכע זינגענ זאָרגלאָז ארומ אונדז, שפּײַזנ זיכ איבערהויפּט מיט אינזעקטנ און זוימענ, און אזויארומ ברענגענ זיי שטענדיק אומ לעבנס; מיר פארגעסנ, וויאזוי ווידער די דאָזיקע זינגער אָדער זייערע אייער ווערנ אופגעפרעסנ דורכ ווילדע פייגל און כײַעס; מיר נעמענ ניט שטענדיק אינ אכט, אז אויב אינ א געוויסנ מאָמענט געפינענ זיכ מויסרעס שפּײַז, קאָנ מענ דאָס זעלבע ניט זאָגנ וועגנ יעדנ יאָר און וועגנ יעדער צײַט פונ יאָר".

אזויארומ זעענ מיר, אז אינ דער מערהײַט פאלנ ברענגט די פארמערונג ניט נאָר צו קאמפ, נאָר אויכ צו טויט, פאר אלע אָרגאניזמענ סטײַעט ניט קיינ שפּײַז, קיינ אָרט און קיינ אנדערע מיטלענ און באדינגונגענ פאר דער עקזיסטענצ.

עס בלײַבנ לעבנ די אמערסטנ צוגעפאסטע וועזנס

ווער זשע איז דער גליקלעכער, וואָס אויסגעהאלטנ דעמ קאמפ פאר דער עק־זיסטענצ, בלײַבט ער לעבנ? יענער, וואָס האָט א וועלכנ־ס׳ניט־איז פאָרצוג לעגאבע זײַנע קאָנקורענטנ, א וועלכע־ס׳ניט־איז נוצלעכע אייגנשאפט, וואָס מאכט אימ מער

צוגעפאסט צום לעבן בא די געגעבענע באדינגונגען. פאר יעדן אָרגאניזם איז דאָך זייער וויכטיק צו זײַן צוגעפאסט דערצו, ער זאָל קאָנען באקומען שפײַז, באקעמפן די פײַנט און די אומגינסטיקע באדינגונגען פון דעם ארום.

מע דארף געמען אין אכט, אז, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט פריער, ווערן ניט געבוירן אלע באלעבײַים, אפילע פון אײנעם און דעם זעלבן מין, אינגאנצן ענלעך אײנער צום צווייטן. ניט גאָר אין אײן פאמיליע זײַנען קינדער ניט אינגאנצן געראָטן אָפ זייערע עלטערן און אײנער אפן צווייטן — אפילע בא א צווילינג געפינען זיך אזעלכע פערזענלעכע אייגנשאפטן, וואָס נאָך זיי שיידט מען זיי אונטער אײנעם פונעם אנדערן. די סימאָנים בא כײַעס און מענטשן ענדערן זיך, דערבײַ אנטפלעקט זיך די יערושעדיקע פארענדערלעכקײַט ניט אָפ אײנעם און דעם זעלבן אויפן און אין די סאמע פארשיידענע ריכטונגען; נײַע סימאָנים קאָנען זײַן פאר אונדז אינגאנצן אומדערוואַרט, אינגאנצן צופעליק.

די ראָליע פון פארשיידענע סימאָנים איז ניט גלײַך: אײניקע זײַנען פאר דעם באלעבײַ נוצלעך, אנדערע — נייטראל, און גאָר אנדערע — אפילע שעדלעך. פארשטייט זיך, אז כײַעס, וועלכע פארמאָגן נוצלעכע סימאָנים, לעמאָשל, אין אײן פאל שארפערע צײן אָדער נעגל, אין א צווייטן — לענגערע פיס אָדער אן אײדעלערן געהער און גערוך, אאוו. — אזעלכע כײַעס וועלן גרינגער ארויסבאקומען פאר זיך שפײַז און וועלן זיך גיכער ראטעווען פון זייערע פײַנט. הייסט עס, אז זיי וועלן לעבן לענגער און איבערלאָזן א גרעסערע פרוכפערונג און די סימאָנים זייערע וועלן זיי איבערגעבן בעיערושע די ווײַטערדיקע דוירעס. וואָס איז שײַעך די איבעריקע קרויווים זייערע, וואָס פארמאָגן נייטראלע אָדער אפילע שעדלעכע סימאָנים, וועלן יענע אויסשטארבן גיכער און זיך פרוכפערן ווייניק אָדער אינגאנצן ניט.

אזויארום זעען מיר, אז אין קאמף פאר עקזיסטענץ בלײַבט לעבן בלויז יענער אָרגאניזם, וועלכער איז אמבעסטן צוגעפאסט צום לעבן בא די געגעבענע באדינגונגען. ווייניקער פולקומע וועזנס קומען אום — זיי ברענגט אום די נאטור אלײן. דעריבער האָט אונדזער גרויסער געלערנטער, דער פארשטאָרבענער ק. טימיריאזעוו, געשריבן: „איבער יעדן וועזן הענגט טאָמעד די פראגע: זײַן אָדער ניט זײַן? — און פארהיטן עס דאָס רעכט צו לעבן בלויז באם באדינג — צו זײַן אין יעדן מאָמענט פון זײַן עקזיסטענץ פולקומער פאר זײַנע קאָנקורענטן. אײנעם דאָזיקן פארמעסט, אין דעם דאָזיקן קאמף פאר עקזיסטענץ איז דער אנטשיידנדיקער באדינג — די פולקומקײַט פון יעדן אײנעם פון די, וואָס פארמעסטן זיך; קײן שום אנדערער באדינג האָט קײן ווערט ניט. דאָס הייסט, אז דער רעזולטאט פון אָט דעם פראָצעס וועט זײַן די אומופהערלעכע פארהיטונג פון דעם סאמע פולקומען, דאָס הייסט — אָפקלײַב: אן אָפקלײַב אָן יענעם, וואָס קלײַבט אָפ, אן אָפקלײַב, וואָס ווירקט פון זיך אלײן, א בלינדער און אומראכמאָנעסדיקער, אן אָפקלײַב, וואָס ארבעט און מאטערט זיך ניט אײַן, וואָס רײַסט זיך ניט איבער אין א מעשעך פון אומצאָליקע דוירעס, וועלכער קלײַבט אָפ אי גרויסע, אי אויסערלעכע אייגנשאפטן, אי די סאמע נישטיקע פראָטים פון דעם אינערלעכן געבוי, בא דעם באדינג, אז זיי זאָלן זײַן נוצלעך פארן אָרגאניזם“.

מיטלען פון צופאסן זיך צו די לעבנס־באדינגונגען

צי באטײַט דאָס, אז די סאמע שטארקע און סאמע פלינקע בלײַבן עס טאָמער די זיגער? אין קײן פאל ניט; ווען עס וואָלטווירקלעך אזוי געווען, וואָלט די ערד געווען באזעצט בלויז מיט גרויסע רויבגיריקע כײַעס, ווײַל קלײנע און שוואכע כײַעס וואָלטן ניט אויסגעהאלטן מיט זײ דעם געראנגל. די זאך באשטײט, הײסט עס, ניט אין קראפט, נאָר אין צוגעפאסטקײַט צו די לעבנס־באדינגונגען.



אײניקע פון די שטוביקע טויבן־ראסעס. ווי ווײַט זײ אונטערשײדן זיך ביט אײנע פון דער אנדערער, זײַנען זײ דאָך אלע ארויסגעקומען אדאנק דעם קינסטלעכן אָפקלײַב פון אײנעם און דעם זעלבן ווילדן מין טויב, וואָס איז אָנגעמאָלט אינמיטן דער צײכענונג

אײניקע כײַעס האָבן א שארף אויג, געהער, כוש־הארייעך, — דאָס גיט זײ די מעגלעכקײַט צו געפינען זיך אפ א לײַכטערן אויפן שפײַז און גיכער צו באמערקן די געפאר; אנדערע באלעכײַעס ווידער האלטן גוט אויס אומגינסטיקע קלימאטישע באדינגונגען, טראָגן גרינגער איבער דעם שווערן ווינטער, לאנגדויערנדיקע טריקענישן און אזוי ווײַטער; אײניקע כײַעס אנטלויפן שנעל פונעם פײַנט.

פאראן אויך אזעלכע כײַעס, וועלכע אנטלויפן פלינק פון די פײַנט און גאנווענען זיך אומבא־מערקבאר אונטער צו זײער רויב, ווײַל זײ האָבן א באפארבונג, וואָס איז אזוי שטארק ענלעך צו דער ארומיקער נאטור, אז זײ גיסן זיך אײַנגאנצן מיט איר צונויף. פאָליארע כײַעס, לעמאָשל, זײַנען מערסטנטײל ווײַס, ווי דער שנײ אָדער דאָס אײַז, וווּ זײ האלטן זיך אוף. בא יענע באלעכײַעס ווידער, וואָס לעבן אין דער זאמדיקער מידבער, איז דער קאָליר זײער ענלעך צו זאמד.

גאנץ זעלטן מאכט זיך, אז דער קאמף פאר עקזיסטענץ נעמט אָן די פאָרמע פון אן אומיטלבארן געראנגל, לעמאָשל, פון צווײ רויבגיריקע כײַעס צווישן זיך. מערסטנטײל איז עס א שטילער און אײַנגעשפארטער קאמף קעגן די אומגינסטיקע לעבנס־באדינגונגען, מאסקירונג פון די פײַנט אאוו. דער, וואָס האלט ניט אויס דעם עקזאמען אפ צוגעפאסטקײַט, ווערט באזײַטיקט דורך דער נאטור — דער בלײַבט ניט לעבן!

דאָס לעבן בלײַבן פון די סאמע צוגעפאסטע אָרגאניזמען אינעם קאמף פאר עקזיסטענץ האָט דארווין א נאָמען געגעבן „נאטירלעכער אָפקלײַב". דארווין האָט געוויזן, אז איבער דער ווירקונג פון דעם דאָזיקן בלינדן, סטיכישן פראָצעס פון

דער נאַטור, דאָס הייסט מאַכמעס דעם, וואָס עס קומענ אומ יענע אָרגאַניזימענ, וואָס קאָנענ זיכ ניט צופּאַסנ, קומט פאָר א שטענדיקער, אָבער זייער בעהאדראָגעדיקער „סימאָנים=פּאַנאַנדערגאַנג". דאָס באַטײַט, אז אַלצ מערער אונ מערער ווײַזט זיכ ארויס די פאַרענדערונג פונ די געוויקסנ אינ באַלעכײַימ=פאָרמענ, אזוי אז עס קומט פאָר די פאַרוואַנדלונג פונ איינע אַרטנ אינ אַנדערע.

וויאזוי דער מענטש ענדערט די פאַרשיידענע ראַסעס פונ באַלעכײַימ אונ מינימ פונ געוויקסנ

גענױטע דאָרפסלײַט ווייסנ שוינ פונ גאַנצ לאַנג, אז ראַסעס פונ באַלעכײַימ לאָזנ זיכ ענדערנ, אז מע קאָנ שאַפנ נײַע ראַסעס.

איינמאָל איז בא א פערמער אינ אמעריקע געבוירנ געוואָרנ א שעפּס א קריפּל. געהאַט האָט ער א לאַנגנ רוקנ, קליינינקע קרומע פיס. אָבער דעמ פערמער איז דער שעפּס דאַפקע געפעלנ געוואָרנ — מאַכמעס דער קריפּל איז גיט געווענ אימשטאַנד אריבערצוקריכנ איבערנ פלויט. אייניקע קינדער פונ אָט דעמ שעפּס האָבנ באַקומענ בעירושע דעמ פאָטערס פאַרקריפּלונגענ — דעמ לאַנגנ רוקנ אונ די קורצע פיס.

אזוי איז אופגעקומענ א נײַע ראַסע פונ קורצפיסיקע שעפּסנ, גאָר אינגאַנצנ ניט ענלעכע צו יענע שעפּסנ, וואָס זײַנענ אונדז באַקאַנט. איצט איז אזעלכע שעפּסנ ניט פאַראַנ.

אזוי טוענ פיציכטלער אונ אויפעס=ציכטלער אינ פיל פאַלנ. זיי באַמערקנ די קלענסטע „פאַרקריפּלונגענ", אָפּנייגונגענ אינ דעמ געבוי פונ די באַלעכײַימ, אזעלכע אָפּנייגונגענ, וואָס קאָנענ ברענגענ נוצנ דעמ מענטשנ, זיי קלײַבנ אָפּ די דאָזיקע באַלעכײַימ אונ פאָרנ זיי, קעדיי צו פאַרהיטנ אָט די אָפּנייגונגענ אינ דער פּרוכפערונג. אפּ אזא אויפנ האָט מענ אופגעצויגנ פאַרשיידענע ראַסעס הינט, קי, כאַזיירימ, קראָליקעס, הינער, גענדז, טויבנ אונ א סאַכ אַנדערע באַלעכײַימ.

אפּנ זעלבנ שטייגער באַגייענ זיכ גערטנער אונ סאָדציכטלער מיט פאַרשיידענע געוויקסנ. זיי קלײַבנ אָפּ געוויקסנ מיט באַשטימטע סימאָנימ אונ פאַרזעצנ די זויעג זייערע. אזויארומ איז געלונגענ צו שאַפנ א ריי ווערטפולע מינימ געוויקסנ, ווי, אשטייגער, די צוקער=ראָר, די בעסטע מינימ ווייצנ, אַלערליי מינימ קרויט, פּרוכטנ אאַוו.

אינ מעשעכ פונ א לאַנגער צײַט איז אינ דער לאַנדווירטשאַפט אָנגעגאַנגענ איבערהויפּט אַנ אומבאַוווּסטזיניקער אָפּקלײַב פונ באַלעכײַימ אונ געוויקסנ, וואָס זײַנענ נוצלעכ פאַר דעמ מענטשנ. אָבער אַדאַנק דאַרווינס לערע האָט דער מענטש זיכ אויסגעלערנט אופּצוציִענ נײַע ראַסעס פונ באַלעכײַימ אונ נײַע מינימ געוויקסנ דורכ א באַוווּסטזיניקנ אָפּקלײַב. אינ געוויקסנ=ציכטלערײַ האָבנ זיכ דערשלאָגנ אויסשליסלעכע דערפאָלגנ צוויי געלערנטע, וועלכע זײַנענ דאָ ניט לאַנג געשטאָרבנ,— דער אמעריקאַנער בערבאַנק אונ אונדזער גרויסער מיטבירגער מיטשורינ, וועלכע האָבנ אופגעצויגנ א ריי אבסאָליוט נײַע אונ זייער ווערטפולע מינימ געוויקסנ.

בערבאַנק האָט ארויסבאַקומענ, אשטייגער, פלוימענ, וואָס אָנשטאָט דעמ קערל געפינט זיכ אינ זיי א ווייכע דריליקע מאַסע. ער האָט אופגעצויגנ גאָר א באַזונ=

דערנ מיג יאגעדע — א געמיש פונ יעזשעוויקא אונ מאלינעס, א קאקטוס אָנ שטעכלקעס אאוו.

מיטשורינ האָט באשאפנ צאָפנדיקע סאָרטנ ווײַנטרויבנ, אבריקאָסנ, וועלכע האלטנ אוים דעמ ווינטער, פיל נײַע סאָרטנ עפּל, בארנ, יאגעדעס אאוו. ער איז געווענ דער עמעסער איבערמאכער פונ דער נאטור, ווײַל ער האָט דערוויזנ, אז ס'איז מעגלעכ באוווּסטזיניק, לויט דעמ מענטשנס ווילנ, צו ענדערנ די יערושעדיקע אייגנשאפטנ בא געוויקסנ אונ אויבסנ. ער פלעגט זאָגנ: „מיר האָבנ ניט וואָס צו וואַרטנ אפ קיינ כעסעד פונ דער נאטור; די אופגאבע אונדזערע איז צו נעמענ אימ בא איר“.

מיר זעענ אזויארומ, אז די ראסעס פונ באלעבאַטימ אונ מינימ פונ געוויקסנ זײַנענ פייִק זיכ צו אנטוויקלענ, לאָזנ זיכ ענדערנ. אינ די בײַשפּילנ, וועלכע מיר האָבנ געבראכט, איז די ענדערונג פאָרגעקומענ דורכ א באוווּסטזיניקנ אָפּקלײַב (סעלעקציע) פונ נוצלעכע אייגנשאפטנ; דער מענטש זעט אײַנצוהיטנ יענע ענדערונגענ, וואָס זײַנענ אימ געוואונטשנ, אונ די איבעריקע פארניכטעט ער.

אָט דער אָפּקלײַב הייסט — „קינסטלעכער אָפּקלײַב“, ווײַל ניט די נאטור מאכט אימ, נאָר דער מענטש, וועלכער קלײַבט אָפּ באוווּסטזיניק די אָרגאניזמענ, וואָס באזיצנ די נוצלעכע סימאָנימ, וועלכע ווערנ איבערגעגעבנ בעיערושע.

פונ דעמ, וואָס מיר האָבנ באהאנדלט ביז אהער, איז צו זענ, אז דארווינס לערע דערקלערט אפנ גלענצנדיקנ אופנ דאָס, וואָס עס קומט פאָר אינ דער לעבעדיקער נאטור.

דארווינ שטעלט די פראגע — צי ענדערנ זיכ די אָרגאניזמענ? אונ דערווײַזט, אז פארענדערלעכקײַט איז אנ אלגעמיינע אייגנשאפט פונ אלע לעבעדיקע וועזנס. ווײַטער פרעגט ער: צי ווערנ איבערגעגעבנ ענדערונגענ בעיערושע? אונ שטעלט פעסט, אז ס'איז פאראנ אזעלכע ענדערונגענ, וועלכע ווערנ ווירקלעכ איבערגעגעבנ בעיערושע. ווײַטער נעמט דארווינ אינ אכט, אז אלע אָרגאניזמענ ברענגענ אפ דער וועלט פיל מאָל מער עמבריאָנענ, איידער עס אנטוויקלט זיכ אונ עס ווערט פארוואנדלט אינ דערוואקסענע באלעבאַטימ אונ געוויקסנ, אונ אז די סיבע דערפונ איז, וואָס עס איז פאראנ ווייניק עקזיסטענצ-מיטלענ. דעריבער האלט דארווינ, אז אינ דער וועלט פונ לעבעדיקע וועזנס קומט שטענדיק פאָר א קאמפ פאר עקזיסטענצ. ענדלעכ, מאכט דארווינ דעמ אומפארמײַדלעכנ אויספיר, אז אינ דעמ דאָזיקנ קאמפ זיגט יענער אָרגאניזמ, וועלכער האָט א וועלכנ-ס'ניט-איז פאָרצוג לעגאבע דעמ קאָנקורענט.

אזוי האָט דארווינ באווּיזנ, אז אינ דער אנטוויקלונג פונ דער לעבעדיקער נאטור איז קיינ שומ אומנאטירלעכס, סווידעסדיקס, געטלעכס ניט פאראנ. אָט דערפאר מאקע האָט דארווינס לערע געגעבנ דער רעליגיע א צעשמעטערנדיקנ קלאפּ.

V. וועלכע באלעכייִם זיינענ דעם מענטשנס נאָענטסטע קרויווים?

דער מענטש און די מענטשנארטיקע מאלפעס

איז וועגנ וואָס זאָגנ איידעס אָט די אלע פאקטנ, וואָס מיר האָבנ געבראכט? זיי זאָגנ אונדז גאנצ באשטימט, אז די פארשיידענע ארטנ באלעכייִם ווערנ פארהאנדלט איינער אינעם צווייטנ און אז דער מענטש איז א קאָרעוו מיט די באלעכייִם. דאָס הייסט, אז איינע ארטנ קומענ ארויס פונ אנדערע, ווי דער מענטש אליינ שטאמט פונ אנדערע, איינפאכערע באלעכייִם. ווער זשע זיינענ געווענ דעם



די סקעלעטנ פונ דעם מענטשנ און פונ די הויכ־אנטוויקלטע מאלפעס. פונ רעכטס אפ לינקס גייענ די סקעלעטנ פונ דעם מענטשנ (ч) פונ דער גאָרילא (г) פונ דער שימפאנזע (ш) פונ דעם אָראנג, (о) און גיבאָנ (г). עס איז צו באמערקנ, אז בא דער גאָר גרויסער ענלעכקייט צווישנ זיי איז פאראנ א קענטיקער אונטערשייד אינעם געבוי פונעם קאָפ־שיידל און די ענדגלידער

מענטשנס אורעלטערנ, זיינע נאָענטסטע קרויווים, וועלכע בייִעס שטייענ אמנאָענטסטנ צו דעם מענטשנ?

לויט דעם אויסערלעכנ אויסזענ פונ דער קו, פונ דעם כאזער, אשטייגער, וועט קיינער זיי ניט שטעלנ אינ איינ ריי מיט דעם מענטשנ. אָבער וועגנ הויכ־אנטוויקלטע מאלפעס — אָראנג־אוטאנ, שימפאנזע, גאָרילא, גיבאָנ — וועט יעדער איינער, וואָס האָט זיי ווענ־עס־איז געזענ, זאָגנ, אז זיי כאפנ דעם אָנבליק פונעם מענטשנ.

אָט די ענלעכקייט איז אזוי גרויס, אז אייניקע ווילדע מענטשלעכנ שוואָטימ האלטנ, אז די מאלפעס זיינענ „פארוואנדלטע מענטשנ“. די גרונט־איינוווינער פונ דעם אינדזל באָרנעאָ אָדער פונ דעם אינדזל סומאטרא, ווו עס האלט זיכ אופ איינע פונ די מערקווירדיקסטע מענטשנארטיקע מאלפעס, האָבנ זיי א נאָמענ געגעבנ „אָראנג־אוטאנ“. דאָס באטייט אפ זייער שפראכ — „וואלד־מענטש“. זיי רעכענענ, אז דער אָראנג־אוטאנ קאָנ ריידנ ווי א מענטש, ער האָט נאָר מוירע, מע זאָל אימ ניט צווינגענ צו ארבעטנ, מאכט ער זיכ קלוימערשט שטומ.

פונ אלע מינים מאלפעס האָט פאר אונדז דעם גרעסטנ אינטערעס א קליינע גרופּע פונ די הויכ־אנטוויקלטע מאלפעס, וואָס באשטייט פונ פיר מינים. דאָס איז די גאָרילא און שימפּאנזע, וואָס וווינענ אינ אפריקע, און דער אָראנג־אוטאנ און גיבאָנ, וועלכע מע באגעגנט אינ דאָרעם־מיזרעכ־אזיע און אפנ מאלײַישנ ארכיפּע־



אנ אָראנג־אוטאנ — א „זי“ מיט איר קינד, וואָס זי האָט געבוירנ אינ זאָאָלאָגישנ גאָרטנ

לאג. אלע האלטנ זיי זיכ אופ אינ די טראָפּישע וועלדער, און דער גאנצער אָרגא־ניזם זייערער איז צוגעפּאסט צום לעבנ אפ די ביימער. זיי האָבנ ניט קיינ עק און זײַנענ זייער ענלעכ אפ א מענטשנ סײַ לויטנ אויסערלעכנ אויסזענ — לויטנ פּאָ־נעם, לויט דער מימיק, סײַ לויט דעם געבוי פונ זייער קערפּער. אָט־אָ־די מאלפּעס הייסנ דערום מענטשנארטיקע, אָדער מענטשנענלעכע מאלפּעס.

די געלערנטע האָבנ אײַנגעפונענ, אז בא פיר הונדערט קערפּער־טיילנ זײַנענ בא די מענטשנארטיקע מאלפּעס ענלעכ צו די טיילנ פונ דעם מענטשלעכנ קערפּער. דאָס

פאָנעמ בא די דאָזיקע מאלפעס און אויכ די דלאָניעס אפ די הענט, די פאָדעשוועס אפ די פיס און די פינגער זײַנענ אָנ האָר. אפ די פינגער האָבנ זיי נעגל און ניט קיינ קרעלנ, ווי בא פיל אנדערע כײַעס; פונקט ווי בא דעמ מענטשנ, געפינענ זיכ בא זיי די אויגנ פונ פאָרנט, צוויי און דרײַסיק ציינ אינ מויל, און אפ דער ברוסט האָבנ זיי בלויז איינ פאָר לעפעלעכ. די „זי" מענסטרוירט פונקט ווי די פרוי באמ מענטשנ. שוואנגערנ שוואנגערנ זיי ארומ נײַנ כאדאָשימ. האָבנ האָבנ זיי געוויינלעכ איינ קינד.

נאָר מערקווירדיק איז דאָס, וואָס די עמבריאָנענ בא אָט די מאלפעס זײַנענ, ביים זיי אנטוויקלענ זיכ בא דער מוטער אינ בויכ, זייער ענלעכ צו דעמ מענטשלעכנ עמבריאָנ. דעמ מענטשלעכנ עמבריאָנ קאָנ מענ אונטערשיידנ פונ דעמ עמבריאָנ פונ דער מענטשנארטיקער מאלפע בלויז צומ סאמע סאָפ פונ דעמ עמבריאָנאלנ לעבנ. ווײַטער ווארפט זיכ אינ די אויגנ, אז די קינדער בא די דאָזיקע מאלפעס, גלײַכ ווי זיי קומענ ארויס פונ דער מוטערס בויכ, זײַנענ פיל מער געראָטנ אפ דעמ מענטשנ, איידער דערוואקסענע מענטשנארטיקע מאלפעס.

דער סייכל בא די מענטשנארטיקע מאלפעס איז גענוג אנטוויקלט. זיי זײַנענ גאנצ פארנונפטיק, זיי ברענגענ ארויס פארשיידענע קלאנגענ, וועלכע עס פארשטייענ אנדערע מאלפעס. געוויינלעכ וווינענ זיי פאמיליעסווײַז אינ די וועלדער. אפ באנאכט מאכט דער פאָטער א נעסט אפ א בוימ און היט אָפ א גאנצע נאכט די פאמיליע פונ גיריקע כײַעס.

מענטשנענלעכע מאלפעס זאָרגנ זיכ וועגנ זייערע קינדער און נעמענ אפילע צו צו זיכ אפ אופציִענ מאלפישע יעסוימימ.

אינ געפענקעניש (אינ זאָאָלאָגישע גערטנער) ווערט די מענטשנענלעכע מאלפע צוגעוווינט צו דעמ מענטשנ און נעמט לײַכט איבער פארשיידענע מענטשישע געוווינהײַטנ. די מאלפע האָט ליב, מע זאָל זי לויבנ, זי בייזערט זיכ, ווענ מע שפעט אָפ פונ איר, זי ווײַזט ארויס באוווּנדערונג און נײַגעריקײַט. שטארק אנטוויקלט איז בא די מאלפעס דאָס נאָכמאכנ. זיי לערנענ זיכ דעריבער זייער גיכ אויס זיכ אָנצוטאָנ אינדערפרי, רייניקנ די ציינ מיט א ציינ-בערשטעלע, עסנ באמ טיש, באנוצנ געשיר, מעסער און גאָפל אאוו. פיל פונ זיי האָבנ ליב א גלעזל טיי, קאווע, בראנפנ און אפילע טאבעק.

צי איז דאָס אלצ נאָכ ווייניק דערופ, אז עס זאָל בא אונדז ארויפקומענ דער געדאנק, אז צווישנ דעמ מענטשנ און די הויכ-אנטוויקלטע מאלפעס איז פאראנ א נאָענטע קרויוועשאפט?

וואָס האָט געבראכט צו דעמ אונטערשייד צווישנ דער מאלפע און דעמ מענטשנ?

עס פארשטייט זיכ, אז דער מענטש, ווי ענלעכ עס איז ניט דער געבוי פונ זײַנ קערפער אפנ קערפער פונ דער מענטשנארטיקער מאלפע, האָט ער א ריי סימאָנימ, וואָס טיילנ אימ בוילעט אויס פונ די הויכ-אנטוויקלטע מאלפעס. אָט די אלע אונטערשיידנ נעמענ זיכ דערפונ, וואָס דער מענטש פירט גאָר אנ אנדער ארט לעבנ. בא די מענטשנארטיקע מאלפעס זײַנענ די פאָדערשטע ענדגלידער, דאָס הייסט

די הענט, געבויט ווי באמ מענטשנ. זיי זײַנענ אָבער פיל לענגער, ווײַל די מאלפּעס קומט אויס צו קריכנ איבער די ביימער.

די הינטערשטע ענדגלידער, דאָס הייסט די פיס, שיידנ זיכ אינ אלגעמיינ אויכ ווייניק אָפּ פונ די מענטשישע; זיי זײַנענ אָבער קירצער פאר אונדזערע פיס. דערבײַ זײַנענ בא דער מאלפּע די פינגער אפּ די פיס לענגער, איידער בא אונדז, און דער גראָבער פינגער איז אנ ארומכאפּיקער, דאָס הייסט אימ איז גרינג זיכ צו שטעלנ אנטקעגנ די איבעריקע פיר פינגער, ווי דער גראָבער פינגער באמ מענטשנ אפּ דער האנט.

עס איז קלאָר, אז אזא געבוי פונ דער פּיאטע בא די הויכ=אנטוויקלטע מאלפּעס נעמט זיכ דערפונ, וואָס זיי לעבנ אפּ די ביימער. עס איז באקאנט, אז אייניקע פאָרשטייער פונ ווילדע שוואָטימ, וואָס קריכנ אויכ אָפּט ארומ איבער די ביימער, באוועגנ פיל פרײַער די פינגער אפּ די פיס, איידער מיר.



מענטשנארטיקע מאלפּעס באמ עס־טיש. לינקס זיצט א שימפּאנזע, רעכטס — צוויי יונגע גאָרילעס

די מענטשנענלעכע מאלפּעס זײַנענ אימשטאנד ארומצוכאפּנ מיט די פיס צווײַגנ און אנדערע זאכנ פונקט אזוי ווי מיט די הענט, דערומ רופט מענ זיי גאנצ ריכטיק אָנ — „פירהענטיקע באלעבײַימ“.

דער מענטש איז א צווייפיסיקע באשעפעניש: ער האָט די איינגשאפט צו שטיינ אינ א ווערטיקאלער לאגע און צו גיינ ווערטיקאל. אדאנק דעמ איז אינ דעמ געבוי פונ דער מענטשלעכער פּיאטע און פונ דער פּיאטע בא העכערע מאלפּעס פאראנ ניט נאָר ענלעכע שטריכנ, נאָר אויכ אייניקע אונטערשיידנ. בא איינ ראסע פונ די גאָרילעס זײַנענ די פיס באזונדערס שטארק ענלעכ אפּ די פיס באמ מענטשנ. די סיבע דערפונ איז, וואָס די דאָזיקע מאלפּעס האָבנ זיכ צוגעפּאסט צו לעבנ ניט אפּ די ביימער, נאָר אפּ דער ערד.

ביכלאל גערעדט, טרעפט מענ גיינ אינ א ווערטיקאלער לאגע, וואָס דאָס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר דעמ מענטשנ, טיילווײַז אויכ אלע הויכ=אנטוויקלטע מאלפּעס. פונ צײַט צו צײַט איז ניט נאָר, וואָס זיי שטייענ ווערטיקאל, נאָר זיי גייענ אפילע אפּ צוויי פיס, אָבער באקומט זיכ עס בא זיי זייער ניט געשיקט, לעפּיש: זיי גייענ געהויקערט, שפּארנ זיכ אונטער, אָדער זיי ווארפנ מיט די לאנגע הענט, קעדיי אײַנצוהאלטנ דאָס גלײַכגעוויכט.

הייסט עס, אז די פייִקײַט צו גיינ ווערטיקאל איז צו באמערקנ בא אלע מענטשנארטיקע מאלפּעס, אָבער בא דעמ מענטשנ האָט זי דערגרייכט די העכסטע אנטוויקלונג. אויב יאָ אזוי, מוז מענ רעכענענ, אז דעמ מענטשנס אורעלטערנ זײַנענ געוואָרנ צווייפיסיק, האָבנ אָנגעהויבנ גיינ ווערטיקאל בלויז דערפאר, וואָס זיי זײַנענ אריבערגעגאנגענ פונ דעמ לעבנ אינ די וועלדער צו לעבנ אינ אָפּענע ערטער.

מאכמעס דער מענטש האלט זיכ בייסנ גיינ ווערטיקאל, האָבנ די אייבערשטע ענדגלידער, דאָס הייסט די הענט, שוינ צום גיינ ניט געטויגט. דעריבער האָבנ פונ זיי געקאָנט ווערנ ספּעציעלע אָרגאַנענ אַפ ארומצוכאַפּנ, אונ דער געבוי זייערער האָט געזאָלט זיכ שטארק ענדערנ. דער גראָבער פינגער אפ דער האנט האָט גענומענ זיכ פריי שטעלנ אנטקעגנ אלע איבעריקע, אונ דעריבער איז פונ דער האנט געוואָרנ אנ „ארבעט-אינסטרומענט“, דאָס הייסט די האנט האָט זיכ צוגעפּאסט צו די פארשיידנסטע ארבעט-פּראָצעסנ.



די דלאָניעס פונ דער לינקער האנט באמ מענטשנ (לינקס) אונ בא דער גאָרילא (רעכטס). עס איז צו באמערקנ, אז אפילע די קארבנ, די קנייטשנ אונ הויט-ליניעס זייַנענ זייער ענלעכ. דער הויפּט-אונטער-שייד שטעקט אינ דעמ קליינעמ פינגער, וואָס בא דער מאלפּע איז ער ווייניק אנטוויקלט אונ שוואכ



די פיאַטע פונ דעמ מענטשנ (לינקס) אונ פונ דער גאָרילא (רעכטס). בא די מאלפּעס שיידט זיכ אונטער דער גראָבער פינגער אפ די פיס זייער ווייניק פונ רעמ גראָבנ פינגער אפ די הענט, ווייל אימ קאָנ מענ צולייגנ צו די איבעריקע פינגער אונ מאכנ אזויארומ ארומכאפּ-באוועגונגענ

דעמ גרעסטנ אונטערשייד צווישנ דעמ מענטשנ אונ די הויכ-אנטוויקלטע מאלפּעס איז צו באמערקנ אינ דעמ געבוי פונ דעמ קאָפּ-שיידל. מענטשנארטיקע מאלפּעס באזיצנ א מויעכ, וואָס איז קימאט דרייַ מאָל קלענער פאר דעמ מענטשלעכנ מויעכ, דעריבער איז דער שטערנ בא זיי זייער קליינ אונ שטארק אָפּגעצויגנ אפ צוריק; בא די מענטשנארטיקע מאלפּעס איז דער שיידל-קאסטנ קלענער. איידער בא דעמ מענטשנ. דאָס נעמט זיכ דערפונ, וואָס די העכערע מאלפּעס שטייענ לויט זייער אינטעלעקטועלער אנטוויקלונג אומפארגלייַכלעכ נידעריקער פונ דעמ מענטשנ.

דאָכ דארפ מענ נעמענ אינ אכט, אז די אינטעלעקטועלע פייִקייטנ בא די מענטשנארטיקע מאלפּעס שטייַענ שטארק אריבער די דאָזיקע פייִקייטנ בא אלע אנדערע באלעכייִמ. דאָס איז גרינג צו זענ, לאָמיר זאָגנ, פונ אזעלכע פאקטנ, וואָס די שימפּאנזע לערנט זיכ אויס צו רעכענענ ביז צענ, אָפּצוטיילנ אייניקע קאָלירנ פונ די אנדערע, וואָס די מאלפּעס זייַנענ פייִק א סאכ איבערצונעמענ בא דעמ מענטשנ אאוו.

גלענצנדיקע עקספּערימענטנ איבער מאלפּעס

ביז דער סאמע לעצטער צײַט האָט מענ גערעכנט, אז דער מענטש איז דאָס אײנציקע וועזנ אפ דער וועלט, וואָס איז פײַיק צו מײַסטרעווענ, צו פּראָדוצירנ פארשיידענע אינסטרומענטנ. דארווינ האָט געשריבנ: „ווענ די מענטשנארטיקע מאלפּע זאָל פארמאָגנ אנ אָנפּנ:עסדיקנ קוק אפ זיכ אלײנ, וואָלט זי געהאלטנ, אז כאָטש זי איז אימשטאנד צונויפצושטעלנ א פּלאנ פונ בארויבנ א גאָרטנ, כאָטש זי פארשטייט, ווי צו געברויכנ שטיינער אפ צו שלאָגנ זיכ אָדער אפ צו קנאקנ ניס, דאָכ איז דער געדאנק וועגנ מאכנ פונ שטיינ געצײַג ווײַט העכער פאר אירע קויכעס".

דארווינ האָט, אזויארום, געהאלטנ, אז מאכנ, זאָל זײַנ דאָס אײנפאכסטע, געצײַג — דאָס איז העכער פונ די פײַקײַטנ פונ דער מענטשנענלעכער מאלפּע. אָבער די עקספּערימענטנ, וואָס מע האָט ניט לאנג געמאכט איבער דער שימפּאנזע, האָבנ באוויזנ, אז די זאכ איז ניט גאָר אזוי. עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז אָט די מאלפּעס זײַנענ אימשטאנד, ווענ זיי דארפנ עס, צו מאכנ אײנפאכע געצײַג, דאָס הייסט, ווענ די מאלפּע נייטיקט זיכ דערינ, ווענדט זי אָנ אזעלכע אקציעס, וואָס דערמאָנענ אינ א געוויסער מאָס די ארבעטס-טעטיקײַט פונ דעם מענטשנ.



די שימפּאנזע רוקט ארײַנ דעם דינערנ שטעקנ אינ דעמ גרעבערנ קעדיי צוצורוקנ צו זיכ די באנאנענ, וואָס ליגנ בא דער שטײַג אפ דער ערד. זײַנענ די באנאנענ געלעגנ נאָכ ווײַטער, פלעגט זי צונויפשטעלנ פונ דרײַ שטעקנס אײנעמ א לאנגנ

די דאָזיקע עקספּערימענטנ האָט געמאכט דער אָנגעזעענער דײַטשישער געלערנטער קעלער. דורכגעקאָנטראָלירט זיי האָבנ סאָוועטישע געלערנטע. די עקספּערימענטנ באשטייענ אָט אינ וואָס:

פאר דער שימפּאנזע האָט מענ אוועקגעלייגט באנאנענ פאר דער שטײַג אזוי, אז זי זאָל ניט קאָנענ זיי דערגרייכנ מיט דער האנט. האָט די מאלפּע, וואָס האָט ליב באנאנענ, אָנגעווענדט ספּעציעלע גענג אפ צו באקומענ זיי. ווענ דער מעהאַלעכ צווישנ דער מאלפּע אונ די באנאנענ איז געווענ ניט זייער גרויס, פלעגט די מאלפּע צושארנ צו זיכ די באנאנענ מיט א שטעקנ, דאָס הייסט זי האָט געברויכט א גרייטע זאכ, וואָס האָט זיכ געפונענ לעבנ איר. ווענ אָבער די באנאנענ זײַנענ געלעגנ אזוי ווײַט, אז דערלאנגענ זיי מיט דעם שטעקנ איז זי ניט געווענ אימ=

שטאנד, האָט די מאלפּע נאָכ פיל אָנשטרענגונגענ גענומענ אָנווענדנ מער קאָמפּלי־
צירטע גענג.

די מאלפּע האָט געהאט צוויי באמבוק־שטעקנס, באמבוק־ראָרנ פונ פארשיידע־
נער גרעב, דערבײַ איז בלויז מיט א ייִנ שטעקנ געווענ אוממעגלעכ צוצושארנ די בא־
נאנעג. מע האָט געמוזט ארײַנלייגנ איינ שטעקנ אינ דעמ צווייטנ. די מאלפּע האָט
זיכ ארויסגעוויזנ פאר פייִק עס צו טאָנ! געייסעקט זיכ מיט די שטעקנס, האָט די
מאלפּע צופעליק זיי צוגעלייגט איינעמ צומ אנדערנ אזוי, אז זיי האָבנ זיכ געפו־
נענ אפ איינ ליניע, דערבײַ איז דער דינער שטעקנ ארײַנגערוקט געוואָרנ אינ דעמ
גרעבערנ. דאָ איז די מאלפּע באלד צוגעלאָפנ צו דער גראטע, אונ מיט דעמ
שטעקנ, וואָס איז איצט באשטאנענ פונ צוויי קורצע שטעקלעכ, האָט זי אָנגעהויבנ
צוצושארנ צו זיכ די באנאנעג. איר האָט זיכ עס אײַנגעגעבנ.

טאָמער איז איינער פונ די שטעקנס ארײַנגערוקט צו שוואכ אינ דעמ אנדערנ,
פארטראכט זיכ ניט לאנג די מאלפּע: זי נעמט דעמ שטעקנ, דעמ שמעלערנ, אונ
רוקט אימ ארײַנ אינ דעמ ברייטערנ שטײַפער, אונ אזוי־ארומ באקומט זי סאָפקאָל־
סאָפּ די באנאנעג. אָבער גאָר מערקווירדיק איז שוינ אזא זאכ:

דער מאלפּע האָט מענ געגעבנ א באמבוק־שטעקנ אונ א ברייטע ווירע, וועלכע
גייט ניט ארײַנ אינ דעמ שטעקנ. דאנ נעמט די מאלפּע די ווירע אינ די ציינ,
בײַסט זי ארומ פונביידע זײַטנ, זי זאָל ווערנ שמעלער, אונ שטעלט זי ארײַנ אינ
דעמ באמבוק־ראָר. אינ אָט די ביידע פאלנ האָט די מאלפּע, אייגנטלעכ, געשאפנ
קינסטלעכ געצײַג, קעדיי צו דערגרייכנ איר ציל!

פארשטייט זיכ, דאָס איז בלויז א שוואכער עמבריאָנ פונ דעמ מענטשנס אר־
בעט־טעטיקײַט. דאָכ אָבער זײַנענ די דאָזיקע עקספּערימענטנ ביז גאָר איבערצײַגנ־
דיק — זיי באווײַזנ, ווי ריכטיק איז דער געדאנק וועגנ דעמ אָפּשטאמ פונ דעמ
מענטשנ פונ דעמ מאלפּעארטיקנ אורפאָטער.

אינ געוויינלעכנ לעבנ, אינ דער נאטירלעכער סוויווע זייערע, פארנעמענ זיכ
ניט די מענטשנארטיקע מאלפּעס מיט צוגרייטנ פראָדוציר־געצײַג. זיי באנוצנ זיכ
בלויז מיט זיי. וויכטיק איז אָבער דאָס, וואָס די מענטשנארטיקע מאלפּעס פארמאָגנ
ד אָ כ, זאָל זײַנ אינעמ ערשטנ גראד, די פייִקײַט צו שאפנ געצײַג.

מענטשנארטיקע מאלפּעס זײַנענ אונדזערע בלוט־קרויווים

ווי עס זאָלנ ניט זײַנ איבערצײַגעוודיק די אומדירעקטע באווײַזנ פונ דער קרוי־
וועשאפט צווישנ דעמ מענטשנ אונ די הויכ־אנטוויקלטע מאלפּעס, וועלכע מיר האָבנ
דאָ געבראכט, האָט זיכ דאָכ די וויסנשאפט דערמיט ניט באגרענעצט. זי האָט געגעבנ
א דירעקטנ אונ ריכטיקנ באווײַז פונ דער בלוט־קרויוועשאפט צווישנ דעמ מענטשנ
מיט די מענטשנענלעכע מאלפּעס.

די געלערנטע האָבנ אנטדעקט, אז בא קרויווישע ראסעס פונ באלעכײַימ, וועל־
כע שטייענ נאָענט איינע צו דער אנדערער, פארמאָגט דאָס בלוט זייערס ענלעכע
אייגנשאפטנ, אָבער צווישנ ווילדפרעמדע ראסעס, וואָס זײַנענ ווײַט איינע פונ דער
אנדערער, איז א שטארקער אונטערשייד אינ דעמ בלוט. די הײַנטיקע מעדיצינ

גיסט אָפּט איבער בלוט פונ איינ מענטשנ צו א צווייטנ, דערבײַ לײַדנ ביידע צדאָדימ דערפונ אבסאָליוט ניט.

דער באַוווּסטער געלערנטער פריד'ענטאַל האָט דערוויזנ, אז אויב מע גיסט איבער בלוט פונ איינ באַלעבעי צו א צווייטנ באַלעבעי פונ א נאָענטער ראַסע (אשטייגער, פונ דעמ אייזל צו דעמ פערד אָדער פונ דעמ הונט צו דעמ וואָלף), בלײַבט דאָס בלוט



דאָס פּאָנעמ פונ דער שימפּאַנזע. עס פארמאָגט א סאַכ שטריכנ, וואָס מאַכנ עס ענלעכ צומ פּאָנעמ פונ א מענטשנ (באַזונדערס בייסנ לאַכנ). אָט די מאַלפּעס זײַנענ קלענער פונ דעמ מענטשנ, די הענט זײַנענ בא זיי קירצער פונ די פיס אונ בייסנ גייגנ שפּארנ זיי זיכ אָנ אפּ די פויסטנ



דאָס פּאָנעמ פונ דעמ אָראַנג־אוטאַנ. די דאָזיקע מאַלפּעס זײַנענ די הייכ ווי א שימפּאַנזע אונ זײַנענ ווייניק צוגעפּאַסט צו גייגנ איבער דער ערד

פונ ביידע בײַעס ניט געענדערט, אונ ביידע בלײַבנ זיי לעבנ. גיסט מענ אָבער איבער דאָס בלוט צו א בײַע פונ גאָר אנ אנדער ראַסע (לעמאָשל, בלוט פונ א קאַצ צו א קראָליק אָדער פונ א פוקס צו א האָז), דאַנ קומט פאָר אינ דעמ בלוט בא דעמ באַלעבײַ, וועלכנ מע האָט געמאַכט די אָפּעראַציע פונ איבערגיסנ, שווערע קרענקלעכע ענדערונגענ, אונ די בײַע קומט אומ. הייסט עס, אז דאָס בלוט זאָגט, צי זײַנענ באַלעבײַימ נאָענטע קרויווימ צי ניט.

אפּ אָט אזא מינ אויפנ האָט זיכ אײַנגעגעבנ פעסטצושטעלנ, אז דעמ מענטשנס בלוט ווירקט רויִנירנדיק, ווי סאַמ, אפּנ בלוט פונ נידעריקע מאַלפּעס אונ אנדערע זויג־בײַעס, אָבער ניט אפּ דעמ בלוט פונ די מענטשנאַרטיקע מאַלפּעס. עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז דאָס איבערגיסנ בלוט פונ הויכ־אנטוויקלטע מאַלפּעס צו דעמ מענטשנ אונ, פארקערט, דעמ מענטשנס בלוט צו הויכ־אנטוויקלטע מאַלפּעס ברענגט ניט צו קיינ שום שעדלעכע רעזולטאַטנ. דער אויספיר איז, אז די מענטשנענלעכע מאַלפּעס זײַנענ אונדזערע בלוט־קרויווימ (לויט דעמ בלוט שטייט נעענטער פאַר אלעמענ צו דעמ מענטשנ די שימפּאַנזע).

מיר וועלנ נאָכ אָנווײַזנ דערופּ, אז מענטשנאַרטיקע מאַלפּעס קאָנענ זיכ אָנשטעקנ מיט מענטשישע אינפעקציע־קראַנקײַטנ. עס האָט זיכ אײַנגעגעבנ, לעמאָשל,

אָנצושטעקנ די שימפּאַנזע מיט סיפילים, וואָס פריִער האָט מענ געהאַלטנ, אַז דאָס איז אויסשליסלעכ „אַ מענטשישע קרענק“. ניט ווייניקער אינטערעסאַנט איז אויכ דער פאַקט, וואָס סײַ באַמ מענטשנ און סײַ באַ מענטשנעגלעכע מאַלפּעס האַלטנ זיכ אופ קרויווישע פּאַראַזיטנ (באַזונדערס גאָענט שטייענ צווישנ זיכ די לײַז פונ דעמ מענטשנ און פונ דער שימפּאַנזע).

געמיינזאַמע וואָרצלענ פונ דעמ מענטשנ און פונ די העכערע מאַלפּעס

אַפ אַזאַ אויפנ איז צו זענ, אַז ס'איז ניטאָ קיינ שומ צווייפל, אַז דער מענטשלעכער מינ און די מישפּאָכע פונ מענטשנאַרטיקע מאַלפּעס זײַנענ קרויווימ לויטנ בלוט. דער מענטש איז אַ באַלעבײַ ניט נאָר לויטנ געבוי פונ דעמ קערפּער, נאָר אויכ לויט דער אָפּשטאַמונג. דאָס באַטײַט, אַז די געשיכטע פונ דעמ אופקומ פונ דעמ מענטשלעכנ מינ איז בלויז אַ טייל, איינס פונ די רינגעלעכ פונ דער אַנטוויקלונגס=געשיכטע פונ דער גאַנצער באַלעבײַימ=וועלט.

מיט דער העכסטער וואַרשײַנלעכקײַט האָט דאָס דער ערשטער דערוויזנ דאַרווינ: אַלע פאַקטנ, וואָס ער ברענגט, פירנ צומ אומפאַרמײַדלעכנ אויספיר, אַז די מענטשנאַרטיקע מאַלפּעס דאַרפ מענ רעכענענ פאַר די נאָענטסטע קרויווימ פונעמ מענטשנ. ווײַטער האָט דאַרווינ געהאַלטנ, אַז סײַ די מענטשנ און סײַ אַלע הויכאַנטוויקלטע מאַלפּעס, וועלכע זײַנענ אונדז באַקאַנט, שטאַמענ פונ איינ וואָרצל — פונ איינ אורפאָטער. דער מענטש און די מענטשנעגלעכע מאַלפּעס זײַנענ ווי צוויי קרויווישע צווײַגנ, וואָס האָבנ אַ געמיינזאַמענ אָנהייב.

אַזוי־אַרומ איז פעסטגעשטעלט געוואָרנ, אַז דער מענטש שטאַמט ניט פונ די לעגענדאַרע אָדאָמ און כאַווע, ווי עס דערציילט די ביבל, נאָר ער קומט אַרויס פונ דער מאַלפּעאַרטיקער כײַע!

פאַרשטייט זיכ, אַז אָט דער רעזולטאַט פונ דאַרווינס וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונגענ האָט שטאַרק ניט געשמעקט די אָנהענגער פונ די רעליגיִעזע באָבעמײַסעס וועגנ דער באַשאַפונג פונ דעמ מענטשנ. דאַרווינ שרײַבט וועגנ דעמ אַזוי: „פיל פּערזאָנענ, ווי איכ טראַכט מיט באַדויערונג, קאָנ דער אָפּשטאַמ פונ דעמ מענטשנ פונ אַ שוואַכ אָרגאַניזירטער פאָרמע זיכ אויסווײַזנ פאַר זייער ניט אָנגענעמ, דערפאַר וועט אָבער קיינער ניט צווייפלענ דעריִנ, אַז מיר קומענ אַרויס פונ ווילדע מענטשנ. דאָס וואונדער=געפיל, וואָס האָט מיכ אַרומגעכאַפּט, ביימ כ'האָב צומ ערשטנ מאָל דערזענ די אײַנוווינער פונ דער פײַער=ערד אַפ דעמ ווילדנ שטיינערנעמ ברעג, וועט קיינמאָל ניט פאַרשווינדנ פונ מײַנ זיקאָרנ, ווײַל אינ דעמ מאָמענט איז מיר באַלד אופגעקומענ דער געדאַנק: אָט ווי עס האָבנ אויסגעזענ אונדזערע אורעלטערנ. די דאָזיקע לײַט זײַנענ געווענ אינגאַנצנ באַקעט און לעפּיש פאַנאַנדערגעפאַרבט; די לאַנגע האָר צעפּאַטלט, פונ מויל האָט געשלאָגנ אַ שוימ, אַפ די פּענעמער — אַכזאָרישקײַט, פאַרוווּנדערונג און אומצוטרוי. זיי איז ניט געווענ באַקאַנט קימאַט קיינ איינ קונסט, און געלעבט האָבנ זיי, ווי ווילדע כײַעס, פונ דעמ רויב, וועלכנ זיי פלעגנ כאַפּנ; קיינ שומ פאַרוואַלטונג איז באַ זיי ניט געווענ, און געווענ זײַנענ זיי אומבעראַכמאָנעסדיק צו יעדנ, ווער עס האָט ניט געהערט צו זייער קליינעמ שייזועט. יענער, ווער עס האָט געזענ דעמ ווילדנ מענטשנ באַ אימ אינ היימלאַנד,

א גאָרילא—די גרעסטע פונ אלע איצטיקע הויכ־אנטוויקלטע מאלפעס. זי איז אינ די פלייצעס פיל ברייטער אונ איז פיל גרעסטער איידער דער מענטש. כאָטש זי האָט קורצע פיס, האלט זי ביז צוויי מעטער די הייכ. ווענ זי גייט אפ דער ערד, שפּארט זי זיכ אונטער אפ די פויסטנ אונ טרעט אפ דער גאנצער פיאטע.

וועט זיכ ניט שעמענ מוידע צו זײַנ, אז אינ זײַנע אָדערנ פליסט דאָס בלוט פונ א וועלכנ־ניט־איז מער באשיידענעמ וועזנ. איכ, ווידער, וואָלט גיכער כיישעק געהאט צו שטאמענ פונ דער בראווער, קליינער מאלפינקע, וועלכע האָט זיכ ניט דערשראָקנ זיכ א וואָרפ טאָנ אפנ שרעקלעכנ פײַנט, קעדיי צו ראטעווענ דעמ וועכטער דאָס לעבנ, אָדער פונ דעמ אלטנ פאוויאנ, וועלכער האָט זיכ אראָפּגעלאָזט פונ דעמ בארג אונ,

טריומפירנדיק, ארויסגעטראָגנ דעמ יונגנ כאווער פונ א טשאטע פארוואונדעטע הינט, איידער ארויסצוקומענ פונ א ווילדנ געפעש, וואָס האָט האנאָע דערפונ, וואָס ער פײַניקט זײַנע פײַנט, ברענגט בלוט=קאָרבאָנעס, הארגעט די קינדער אָנ שומ געוויסנביסנ, באגייט זיכ מיט זײַנע ווײַבער ווי מיט שקלאפנס, ווייסט ניט פונ קיינ שומ בושע אינ דער וועלט אונ לאָזט זיכ ארײַנ אינ די מיעסטע אָבערגלויבעניש".

ווענ מיר זאָגנ, אז דער מענטש שטאמט פונ דער מאלפעארטיקער בײַע, שטעלט מענ געוויינלעכ אזא פראגע: זאָל עס באטײַטנ, אז דער מענטש קומט ארויס פונ א וועלכער=ס'ניט=איז הײַנטצײַטיקער מענטשנארטיקער מאלפע? דערויפ דארפ מענ ענטפערנ גאנצ זיכער — ניינ!

דער מענטש אונ די הײַנטצײַטיקע הויכ=אנטוויקלטע מאלפעס האָבנ בלויז א געמיינזאמענ אורפאָטער, אזוי אז קרויווימ זײַנענ זיי ניט לויט דער דירעקטער ליניע, דאָס הייסט ניט ווי עלטערנ אונ קינדער. אפ איינעמ אונ דעמ זעלבנ בוימ זײַנענ דאָכ פאראנ פארשיידענע צווײַגנ, וועלכע שטאמענ ניט איינער פונ דעמ אנדערנ, זיי זיצנ בלויז אפ איינ שטאמ. פונקט אזוי גייענ זיכ פאנאנדער אפנ „בוימ פונ לעבנ" די צווײַגנ פונ דעמ מענטשנ אונ פונ די הויכ=אנטוויקלטע מאלפעס.

דער מענטש קומט ארויס ניט פונ א וועלכער=ס'ניט=איז הײַנטצײַטיקער מענטשנארטיקער מאלפע, נאָר פונ אנ אויסגעגראָבענער (от ископаемой). אנדערש גערעדט, — אונדזערע כײַישע מאלפעארטיקע אורעלטערנ זײַנענ שוינ פונ לאנג אויסגעשטאָרבנ. מע דארפ רעכענענ, אז דער מענטש אונ די הײַנטצײַטיקע מענטשנארטיקע מאלפע האָבנ א געמיינזאמע אָפשטאמונג, דאָס הייסט די הײַנטצײַטיקע הויכ=אנטוויקלטע מאלפעס דארפ מענ רעכענענ ניט פאר קיינ „פאָטערס" דעמ מענטשנס, נאָר ווי א מינ „שוועסטערקינדער". אונדזער אורפאָטער, די אויסגעגראָבענע מאלפע, איז געווענ, אפאָנעמ, א פיל מער פולקומע באשעפעניש, איידער א וועלכע=ס'ניט=איז פונ די הײַנטצײַטיקע מענטשנארטיקע מאלפעס.

דאנ, ווענ דארווינ האָט נאָכ געלעבט אונ געארבעט, האָט מענ נאָכ ניט געוווּסט וועגנ די רעשטנ פונ אזעלכע אומגעקומענע וועזנס. אָבער דארווינ האָט ניט געצווייפלט, אז מיט דער צײַט וועט מענ אזוינע אויסגעגראָבענע רעשטנ געוויס געפינענ. דער גרויסער געלערנטער האָט קיינ טאָעס ניט געהאט. בא הײַנטיקנ טאָג פארמאָגנ מיר א גאנצע רײַ אנטדעקטע אויסגעגראָבענע רעשטנ, וואָס מע קאָנ רעכענענ, אז זיי זײַנענ דאָס רעשטנ פונ די סאמע עלטסטע אורפאָטערס פונ די הײַנטצײַטיקע מענטשנארטיקע מאלפעס. די דאָזיקע אומגעקומענע כײַעס האָבנ לויטנ געבוי פונ די קינבאקנ אונ ציינ געכאפט דעמ אָנבליק פונ אנ אָראנג, גאָרילא אונ שימפאנזע, אונ לויט אייניקע סימאָנימ — אויכ פונ דעמ מענטשנ.

מיר זעענ איצט, אז אלצ זאָגט איידעס, אז אפ דער ערד האָבנ אמאָל געלעבט אזעלכע מענטשנארטיקע מאלפעס, וואָס האָבנ פארמאָגט די סימאָנימ אי פונ די הויכ=אנטוויקלטע מאלפעס אי פונ דעמ מענטשנ. פונ אָט אזא מינ געמיינזאמענ אורפאָטער, ווי צוויי צווײַגנ פונ איינ אונ דעמ זעלבנ וואָרצל, האָבנ זיכ אנטוויקלט, פונ איינ זײַט — די הײַנטצײַטיקע פאָרמענ פונ די מענטשנארטיקע מאלפעס, אונ פונ דער צווייטער — דער מענטשלעכער מינ. דערבײַ האָט יעדער פונ די דאָזיקע „צווײַגנ" פונ די לעבעדיקע באשעפענישנ זיכ צוגעפאסט צו זײַנע ספעציפישע לעבנס=באדינגונגענ.

VI. ווי איז פאַרגעקומענ די פאַרמענטשלעכונג פונ דער מאַלפּע?

דער מענטשלעכער מינ איז איינהייטלעכ

מיר האָבנ זיכ איבערצײַגט, אַז דער מענטש איז אַפּ אַ נאַטירלעכנ אופנ אויפגעקומענ פונ דער באַלעבײַמ=וועלט, פונ דעמ מאַלפּעאַרטיקנ אורפאָטער. מע דאַרפ אָבער געדענקענ, אַז כאָטש אינ דער צײַט, ווענ דער מענטש איז אויפגעקומענ, זײַנענ געווענ פיל פאַרשיידענע ראַסעמ פונ הויכ=אַנטוויקלטע מאַלפּעס, אָבער דעמ אָנהייב זײַנעמ ציט דער מינ „מענטש“ בלויז פונ איינער, שוינ אַנ אויסגעשטאָרבענער ראַסע פונ מענטשנאַרטיקע מאַלפּעס. דאָס באַטײַט, אַז לויט איר אָפּשטאַם איז די מענטשהײַט איינהײַטלעכ.

עס זײַנענ פאַראַנ, עמעס, פאַרשיידענע שוואַטימ אונ ראַסעמ, דאָס הייסט גרופּעס מענטשנ, וואָס אונטערשיידנ זיכ איינע פונ דער אַנדערער לויט דעמ קאָליר פונ דער הויט, פונ די האָר, אויגנ אונ אויכ לויט דער פאָרמע פונ די האָר, פונ דער נאָז אאַוו. אָבער די איינהײַטלעכע אָפּשטאַמונג פונ דעמ מענטשנ איז דאָכ אַ פאַקט, ווײַל ראַסעווע סימאָנימ זײַנענ בלויז אויסערלעכע סימאָנימ. אַלע מענטשלעכע ראַסעמ זײַנענ גלײַכווערטיק סײַ אינ פיזישער (קערפּערלעכער) אונ סײַ אינ פּסיכישער (גײַסטיקער) הינזיכט.

אַלע היסטערישע געשרייענ וועגנ דעמ, אַז די מענטשנ=ראַסעמ זײַנענ ניט גלײַכווערטיק, אַז עס זײַנענ פאַראַנ „העכערע“ אונ „נידעריקערע“ ראַסעמ, זײַנענ אַ פּרעכער ליגנ. מיט דער הילפ פונ דער דאָזיקער שענדלעכער לעגענדע פּרוּווּנ זיכ די אימפּעריאַליסטנ פאַלסיפיצירנ די אײַנשטעלונגענ פונ דער וויסנשאַפט. דער מינ זייערער איז צו באַרעכטיקנ אַזויאַרומ זייער רויבערישע פּאָליטיק, זייער שטרעבונג צו פאַרשקלאַפנ אַנדערע פעלקער. די פּראַקטיק פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג אינ פּססר האָט געגעבנ אַ טויטקלאַפּ אַלע מענטשנפײַנטלעכע אויסטראַכטענישנ וועגנ די ראַסעמ.

דער כאַווער סטאַלינ האָט געזאָגט: „פריִער איז „אָנגענומענ געווענ“ צו דענקענ, אַז די וועלט איז פונ אייביק אָנ צעטיילט אַפּ נידעריקערע אונ העכערע ראַסעמ, אַפּ שוואַרצע אונ ווײַסע, וואָס די ערשטע פונ זיי זײַנענ אומפייִק צו ציוויליזאַציע אונ זײַנענ פאַרורטיילט צו זײַנ אַנ אָביעקט פונ עקספּלואַטאַציע, אונ די צווייטע זײַנענ די איינציקע טרעגער פונ דער ציוויליזאַציע אונ זײַנענ באַרופנ צו עקספּלואַטירנ די ערשטע. איצט דאַרפ מענ רעכענענ, אַז די דאָזיקע לעגענדע איז צעקלאַפּט אונ אָפּגעוואָרפנ. איינער פונ די וויכטיקסטע רעזולטאַטנ פונ דער אָקטיאַבער=רעוואָליוציע איז דער פאַקט, וואָס זי האָט געגעבנ אַ טויטקלאַפּ דער דאָזיקער לעגענדע, דערווײַזנדיק אינ דער ווירקלעכקײַט, אַז די באַפרײַטע ניט=אייראָפּייִשע פעלקער, וואָס זײַנענ אַרײַנגעצויגנ אינ שטראָמ פונ דער סאָוועטישער אַנטוויקלונג, זײַנענ פייִק צו באַוועגנ פאָרויס אַ ווירקלעכ=פאָרגעשריטענע קולטור אונ אַ ווירקלעכ=פאָרגעשריטענע ציוויליזאַציע אַפּ אַ האָר ניט ווייניקער ווי די אייראָפּייִשע פעלקער“ [1].

---

1 י. סטאַלינ — דער מאַרקסיזמ אונ די נאַציאָנאַל-קאָלאָניאַלע פראַגע. זאַמלונג פאַרלאַג „עמעס“, 1935 י. ז. 238—239.

מיר קערנ זיכ אומ צו דער פראגע וועגנ דעמ מענטשנס אָפשטאמ.

מע מוז אונטערשטרײַכנ, אז בלויז אײנ ראסע פונ אויסגעגראָבענע מענטשנארטיקע מאלפעס האָט זיכ פארוואנדלט אינ מענטשנ. ווײַטער וועלנ מיר זענ, אז געוועננ איז דאָס א ראסע, וואָס האָט אדאנק די אײַנשאפטנ אונ דעמ געבוי פונ איר קערפער זיכ געקאָנט צופאסנ צו די פארענדערטע לעבנס-באדינגונגענ, נעמלעכ — אָנהײבנ צו גײנ ווערטיקאל, אפ צוויי פיס, אונ געברויכנ פראָדוציר-מיטלענ אינ דעמ קאמפ פאר עקזיסטענצ.

רינגענ צווישנ דער מאלפע אונ דעמ מענטשנ

צי קאָנענ מיר זיכ שאפנ א פאָרשטעלונג וועגנ יענע אנטוויקלונגס-שטופנ, וואָס עס האָט דורכגעמאכט אונדזער בײַשער, מאלפישער, אורפאָטער, אײדער ער האָט דערגרייכט צומ פולנ מענטשלעכנ צושטאנד?

וויבאלד דער מענטש קומט ווירקלעכ ארויס פונ א בײַע, דארפנ זײַנ מיטלעע איבערגאנגס-פאָרמענ צווישנ מאלפעארטיקע בײַעס אונ דעמ מענטשנ. אנדערש גערעדט, עס האָבנ געמוזט אמאָל לעבנ אזעלכע אָרגאניזמענ, וועלכע געפינענ זיכ ווי אינמיטנ צווישנ דער מאלפע אונ דעמ מענטשנ. אזעלכע באלעבײַמ זײַנענ, פארשטײט זיכ, שוינ אומגעקומענ. זיי קאָנענ דערומ געפונענ ווערנ בלויז אינ דער פאָרמע פונ אויסגעגראָבענע רעשטנ. פונ קײנ שומ הויכ-אנטוויקלטער ראסע מענטשנארטיקע מאלפעס האָט דער מענטש ניט געקאָנט ארויסקומענ מיטאמאָל. די מאלפע האָט געמוזט פארוואנדלט ווערנ אינ א מענטשנ דורכ זײער א לאנגער ריי דורעס דורכ א ריי איבערגאנג-פאָרמעס.

ווענ דארווינ האָט געלעבט, האָט מענ פונ אזעלכע איבערגאנג-פאָרמעס צווישנ דער מאלפע אונ דעמ מענטשנ נאָכ ניט געוווסט. דאָס האָבנ געזענ אויסנוצנ די גײַסטלעכע אונ אנדערע קעגנער פונ דארווינס לערע וועגנ דעמ בײַשנ אָפשטאמ פונ דעמ מענטשנ. זיי האָבנ געטײַנעט, אז וויבאלד קײנ איבערגאנג-פאָרמעס זײַנענ ניט פאראנ, איז די גאנצע לערע דארווינס פאלש.

אָבער דארווינ איז געווענ פולקומ איבערצײַגט, אז די לערע זײַנע איז ריכטיק, אונ ער האָט פאָרויסגעזאָגט, אז די אויסגעגראָבענע איבערגאנג-פאָרמעס צווישנ דעמ מענטשנ אונ דער מאלפע וועט מענ אנטדעקנ מיט דער צײַט. אונ דארווינס פאָרויסזאָגונג האָט זיכ גלענצנדיק בארעכטיקט.

בא הײַנטיקנ טאָג ווייסט שוינ די וויסנשאפט פונ א גאנצער ריי אויסגעגראָבענע איבערגאנג-פאָרמעס צווישנ דער מאלפע אונ דעמ הײַנטצײַטיקנ מענטשנ. דאָס דערלערנענ די האָזיקע אויסגעגראָבענע אָרגאניזמענ האָט געוואָרפנ א העלע שײַנ אפ דער פארגאנגענהײַט פונ אונדזער מינ, אפ דעמ גאנצנ גאנג פונ דער פארוואנדלונג פונ אונדזערע מאלפעארטיקע אורעלטערנ אינ הײַנטצײַטיקע מענטשנ.

עס מערקנ זיכ אָנ ווי דרײַ מינימ אויסגעגראָבענע מענטשנ, וואָס שטעלנ מיט זיכ פאָר פארשיידענע עטאפנ פונ דער אנטוויקלונג פונ דער מענטשהײַט. אינ דעמ פראָצעס פונ פארמענטשלעכונג האָבנ אונדזערע אורעלטערנ דורכגעמאכט פונ אָנהײב אָנ די שטופע פונ דעמ אויסגעגראָבענעמ מאלפע-מענטש, דערנאָכ — די שטופע פונ דעמ אויסגעגראָבענעמ אוראלטנ מענטשנ, אונ, ענדלעכ — די שטופע פונ דעמ אויסגעגראָבענעמ נײַעמ מענטשנ.

היפּאָטעטישער (ווי מע שטעלט זיך פאָר) אויסזען פון דעם פּאָנעם בא דעם מאַלפּע־מענטש פון אינדזל יאַוואַ (פּיטעקאַנטראָפּ). דער נידעריקער מעשופּעדיקער שטערן, די ברייטע נאָז, וואָס טיילט זיך ווייניק אויס, און דער פעסטער אונטערשטער קינבאַק גיבן צו דעם פּאָנעם אַ כיַישן אויסדרוק

היפּאָטעטישער (ווי מע שטעלט זיך פאָר) אויסזען פון דעם פּאָנעם בא דעם אויסגעגראָבענעם אור'אַלטן מענטשן (נעאַנדערטאַלער). די כיַישע שטריכן פון פּאָנעם זיַינען דאָ אַ סאַך ווייניקער אויסגעשפּראָכן איידער בא דעם מאַלפּע־מענטש.

שפּורן פון די מאַלפּע־מענטשן

ביים די אויסגראָבונגען אַפ דעם אינדזל יאַוואַ (איינער פון די זאָנדישע אינדזלען, וואָס ליגן דאָרעם־צו פון אינדאָ־כינע) אין 1891 יאָר האָט דער געלערנטער דיובוא געפונען רעשטן פון אַ סקעלעט, וואָס איינע האָבן געהאַלטן, אַז ער געהערט צו אַ מאַלפּע, אַנדערע, ווידער, — צו אַ מענטשן. נאָך די ביינער נאָך האָבן די געלערנטע אופגעשטעלט, ווי עס האָט באַדאַרפט אויסזען אָט די באַשעפעניש. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז געגאַנגען איז די באַשעפעניש ווערטיקאַל, אַפ צוויי פיס, ווי דער מענטש, און ניט אַפ פיר — ווי די מאַלפּע. לויט דער פאָרם פון דעם שאַרבן און פאַרנעם פון דעם מויעך איז צו זען, אַז פאַרנעמענ פאַרנעמט די דאָזיקע באַשעפעניש גאַנץ באַשטימט אַ מיטל־לאַגע צווישן דעם מענטשן און די הויך־אַנטוויקלטע מאַלפּעס, אַזוי אַז לויט אירע אינטעלעקטועלע פייִקייטן איז זי געשטאַנען פיל העכער פון די מענטשנאַרטיקע מאַלפּעס. דאָס אַלץ זאָגט איידעס, אַז דאָס איז ניט אַ וועלכער־ס'ניט־איז אויסגעשטאָרבענער טיפּ פון הויך־אַנטוויקלטע מאַלפּעס, נאָר אַ פאָרשטייער פון אַ באַזונדערן מין, וואָס געפינט זיך אינמיטן צווישן מענטשנאַרטיקע מאַלפּעס און מענטשן.

ערשט ניט לאַנג, אין 1937 יאָר, האָט מען געפונען נאָך איינעם אַ שאַרבן אַפ דעם אינדזל יאַוואַ, ניט וויַיט פון דעם אָרט, וווּ עס איז אַנטדעקט געוואָרן דער

ערשטער שארבן. דאָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט פעסטצושטעלן ענדגילטיק, אַז די אַנטדעקטע אויסגעגראָבענע באַשעפעניש האָט פאַרמאָגט סימאַנים סיי פון א מאַלפּע און סיי פון א מענטשן. דערביי זיינען געווען אַמערסטנס מאַלפּישע סימאָנים.

אָט די באַשעפעניש שטעלט מיט זיך פאָר דעם גראָדשטייענדיקן מאַלפּע־מענטשן, דאָס הייסט א צווישן־פאָרמע, אַן איבערגאַנגס־פאָרמע פון דער מאַלפּע צו דעם מענטשן. דער מאַלפּע־מענטש, וואָס האָט געוווינט אַף דעם אינדזל יאַוואַ, איז דער פאָרגייער פון דעם מענטשלעכן מין, די ערשטע שטופּע אַפן וועג פון דער פאַרוואַנדלונג פון דער מאַלפּע אין דעם מענטשן. די געלערנטע האָבן אַ נאָמען געגעבן דער דאָזיקער באַשעפעניש „פּיטעקאַנטראָפּ", דאָס באַטייט — מאַלפּע־מענטש.

אָבער מיט דעם יאַוואַשן מאַלפּע־מענטש ווערן ניט אויסגעשעפּט אונדזערע ידיעס וועגן דעם סאַמע אַלטן מין אויסגעגראָבענע מענטשן. באַ היינטיקן טאָג ווייסן מיר, אַז ס'איז געווען נאָך אַ כינעזישער מאַלפּע־מענטש (ניט לאַנג אַנטדעקט לעבן בייפּין). אים האָט מען אָנגערופן „סינאַנטראָפּ". די אויספאָרשונגען האָבן באַוויזן, אַז ער איז נאָך מער אַנטוויקלט, דאָס הייסט נאָך נעענטער צו דעם מענטשן, איידער דער מאַלפּע־מענטש פון דעם אינדזל יאַוואַ. א גרויסן אינטערעס שטעלן מיט זיך פאָר אויך די רעשטן פון דעם היידלבערגער מענטשן (געפונען לעבן היידלבערג). עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אָ ט ד ע ר מענטש איז נאָך ווייטער אָפּגעגאַנגען פון דער מאַלפּע, איידער דער סינאַנטראָפּ.

יעדער פון די פאָרשטייער פון די מאַלפּע־מענטשן, וואָס איז אונדז באַקאַנט, האָט געזאָלט אויסזען ווי א מאַלפּע, וואָס איז זייער ענלעך צו א מענטשן. דאָך קאָן מען, אַפּאָנעם, ניט צווייפלען, אַז דער מאַלפּע־מענטש איז געווען א באַשעפעניש, וועלכע האָט ניט נאָר ג ע ב ר ו י כ ט פּראָדוציר־געצייג (שטעקנס, שטיינער א. אנד.), נאָר האָט אויך ג ע ש א פ ן פּרימיטיווסטע אַרבעטס־געצייג. אינייבעם מיט דעם סינאַנטראָפּס ביינער האָט מען געפונען גראָב־אַרומגעהאַקטע שטיקער שטיינער — געצייג.

מענטשנאַרטיקע מאַלפּעס מאַכן ניט קיין געצייג. מע מוז דעריבער רעכענען, אַז די אויסגעגראָבענע מאַלפּע־מענטשן זיינען שוין ניט קיין מאַלפּעס, נאָר מענטשן, כאָטש זיי אונטערשיידן זיך שטאַרק פון אַלע היינטצייטיקע מענטשן.

שפּורן פון די סאַמע אוראַלטע און היינטצייטיקע מענטשן

נאָך ווייטער פון דער מאַלפּע און נאָך נעענטער צום היינטצייטיקן מענטשן איז געווען ד ע ר טיפּ פונעם אויסגעגראָבענעם מענטשן, וועלכן מע האָט א נאָמען געגעבן — „נעאַנדערטאַלער", ווייל די ביינער זיינע האָט מען צום ערשטן מאָל אַנטדעקט אין דער הייל „נעאַנדער" אין דייטשלאַנד. איצט באַצייכנט מען אים אָפּט אַלס דער „אויסגעגראָבענער אוראַלטער מענטש", ווייל ער איז אַפּ א סאַך ענלעכער צו א היינטצייטיקן מענטשן, איידער צו א מאַלפּע. ער האָט, עמעס, איינגעהיט ניט ווייניק מאַלפּישע סימאָנים אויך; אַשטייגער, ער איז ניט אימשטאַנד געווען צו שטיין און זיך באַוועגן אַזוי ווערטיקאַל ווי דער היינטצייטיקער מענטש, און דאָס פּאָנעם איז באַ אים, אין אַלגעמיין, געווען ענלעך צו א מאַלפּישער צורע. דאָך פלעגט דער נעאַנדערטאַלער ניט נאָר צוגרייטן אַ ריי איינפאַכע געצייג פון שטיין, נאָר

ער פֿלעגט נאָכ אויכ געברויכנ פֿײַער אפֿ צו קאָכנ פֿלייש פֿונ פֿארשיידענע כײַעס.

דער נעאנדערטאלער, הייסט עס, איז שוינ גאָר ווײַט אוועק פֿונ די מאלפּעס אונ איז אָנ צווייפֿל געווענ שוינ א מענטש, כאָטש ער האָט זיכ אויכ אונטערשיידט פֿונ דעמ הײַנטצײַטיקנ מענטשנ. ווענ דער נעאנדערטאלער זאָל אראָפּקומענ צו אונדז, וואָלט ער געמאכט דעמ אײַנדרוק פֿונ זייער א מאָדנעמ מענטשנ, וואָס איז ענלעכ צו א מאלפּע.



דאָס שיידל פֿונ א נעאנדערטאלער (רעכטס) אונ פֿונ א הײַנטצײַטיקנ מענטשנ (לינקס). פֿונ די נעאנדערטאלער איז ארויסגעקומענ א נײַער טיפּ מענטש, וועלכער איז געווענ נאָענט צו די הײַנטצײַטיקע מענטשנ

דער דריטער מינ פֿונעמ אויסגעגראָבענעמ מענטשנ איז שוינ אפֿ אזויפֿיל ענלעכ אפֿ דעמ הײַנטצײַטיקנ מענטשנ, אז אימ רופֿט מענ אָנ: „דער אויסגעגראָבענער נײַער מענטש“. די דאָזיקע אורעלטערנ אונדזערע האָבנ שוינ געקאָנט מאכנ גאנצ קאָמפּליצירטע שטיינער־געצײַג אונ זײַנענ געווענ געניטע יעגער.

צי איז מעגלעכ איצט, נאָכ דעמ אלעמענ, וואָס מיר האָבנ דאָ דערציילט, צו צווייפֿלענ אינ דעמ כײַשנ, דאָס הייסט מאלפּישנ, אָפּשטאמ פֿונ דעמ מענטשנ? די אנטדעקונג פֿונ דרײַ מינימ פֿונעמ אויסגעגראָבענעמ מענטשנ האָט אונדז געגעבנ אנ אבסאָליוט קלאָרע פֿאָרשטעלונג וועגנ דעמ, ווי עס איז געגאנגענ די פֿארמענטשלעכונג פֿונ דער מאלפּע. מיר זעענ איצט, אז די אנטוויקלונג פֿונ דעמ מענטשלעכנ מינ האָט זיכ אָנגעהויבנ פֿונ דעמ צושטאנד פֿונ מאלפּע־מענטש, אז די דאָזיקע האלב־כײַע, האלב־מענטש איז בעהאדראָגעדיק פֿארוואנדלט געוואָרנ אינ דעמ נעאנדערטאלער, דאָס הייסט אינ דעמ אורעלטסטנ מענטשנ, דער אורעלטסטער מענטש, ווידער, איז סאָפּקאָלסאָפּ פֿארוואנדלט געוואָרנ אינ דעמ הײַנטצײַטיקנ מענטשנ.

אזויארומ, איז ענדגילטיק דערוויזנ געוואָרנ, אז וואָס ווײַטער פֿונ אונדז עס איז דער פּעריאָד, צו וועלכנ עס געהערנ די אויסגעגראָבענע מענטשנ, אלצ ווייניקער זײַנענ זיי ענלעכ אפֿ דעמ הײַנטצײַטיקנ מענטשנ, דאָס הייסט אלצ מער פֿארמאָגנ זיי מאלפּישע, כײַישע שטריכנ!

דאָס האָט אינ דער פֿולער מאָס צעשטערט די אומגעלומפּערטע ביבלישע באָבעמײַסעס וועגנ דעמ, אז גאָט האָט באשאפֿנ דעמ מענטשנ.

מיר באזערנ איבער: קיינ שומ אדאָמ, קיינ שומ כאווע, אונ ביכלאל קיינ שומ

„ערשטער“ מענטש איז קיינמאָל ניט געווען, ווי עס איז ניט געווען קיין ערשטער הונט, קיין ערשטער פיש אָדער קיין ערשטע פליג. דער מענטש איז ניט מיטאמאָל אופגעקומען אפ דער ערד — אנטוויקלט האָט ער זיך בעהאדראָגעדיק פון דער באַלעכיים=וועלט. און ביכלאַל, אלץ, וואָס עס עקזיסטירט, איז אנטשטאַנען ניט מיטאמאָל, נאָר עס איז אופגעקומען אינעם פראָצעס פון זייער א דויערנדיקער נאַטירלעכער אנטוויקלונג.

פון אַלע פיר — אפ די פיס

דערפון, וואָס מיר האָבן גערעדט ביז אצינד, איז צו זען, אז דער וויכטיקסטער פעריאָד אין דער מענטשלעכער געשיכטע איז יענע צייט אין דער געשיכטע פון דעם לעבן אפ דער ערד, ווען אונדזערע נאָענטסטע מאַלפּעארטיקע אורעלטערן זיינען פון פירפיסיקע בהמות געוואָרן צווייפיסיקע, גראָדשטייענדיקע.

פארוואָס זשע האָבן אונדזערע מאַלפּעארטיקע אורעלטערן אָנגעהויבן זיך באַוועגן אפ צוויי פיס? דערפאר, וואָס זיי זיינען געווען געצוווּנגען זיך אראָפּצולאָזן פון דעם בוים און זיך אָפּזאָגן פון דעם אלטן ארט לעבן.

מע האָט באמערקט, אז די גאָרילא (די גרעסטע פון די היינטצייטיקע מענטשנארטיקע מאַלפּעס) איז פולקום א „בוים=באַלעבאַי“ בלויז יונגערהייט. די עלטערע גאָרילא וווינט קימאט די גאנצע צייט אפ דער ערד, אונטער די ביימער. דאָס גיט דעם גרונט צו רעכענען, אז ווען אונדזערע מאַלפּישע אורעלטערן זיינען שטארק אויסגעוואקסן, איז זיי געוואָרן אומבאקוועם צו וווינען אפ די ביימער. צו דעם דאָזיקן מאָמענט האָט זיך בא זיי שוין אויסגעארבעט די פייִקייט צו האלטן דעם קערפּער אין א גראָדן, ווערטיקאַלן צושטאנד.

ווען אונדזערע מאַלפּישע אורעלטערן פלעגן קריכן איבער די ביימער, פלעגן זיי זיך האלטן מיט די הענט פאר די אייבערשטע צווייגן, אָבער דער קערפּער איז דערביי געווען אויסגעגלייכט. כוץ דעם פלעגן זיי שטעלן די פיס גאנץ פלאַך און ניט ארומכאפּן מיט זיי קיין צווייגן. ווען אונדזערע מאַלפּישע אורעלטערן האָבן אָנגעהויבן אלץ אָפטער און אָפטער זיך אראָפּלאָזן פון די ביימער אפ דער ערד, האָבן זיי אדאנק דעם געקראָגן די פייִקייט צו גיין גראָד, זיך באַוועגן ווערטיקאַל.

אראָפּלאָזן זיך ווידער אפ דער ערד האָט זיי געטריבן דאָס, וואָס אפ דער ערד האָט מען געקאָנט געפינען פיל מער פארשיידנארטיקע שפּייז — יאַגעדעס, קנוילן, ציבעלעס אאוו. אין אייניקע ערטער האָבן זיי געמוזט עס טאָן כוץ דעם דערפאר, וואָס עס זיינען זייער שיטער געוואָרן די וועלדער און ס׳האָט זיך שטארק פארקלענערט דער פּלאַץ, וואָס איז געווען באדעקט מיט וואַלד.

ווי עס זאָל ניט זיין, זיינען אונדזערע מאַלפּע=עלטערן געווען געצוווּנגען צו וווינען ניט נאָר אין די וועלדער, נאָר אויך אפ אָפענע פּלעצער, און דערביי האָבן זיי אומפארמיידלעך געמוזט אלץ אָפטער און אָפטער זיך אראָפּלאָזן פון די ביימער און זיך באַוועגן איבער דער ערד. סאָפּקאָלסאָף איז זיי אויסגעקומען אינגאנצן זיך אריבערצוציִען אפ דער ערד, אפ שטענדיק פארלאָזן דאָס לעבן אפ די ביימער. אגעוו, קאָן מען עס באשטעטיקן מיט דעם פאקט, וואָס ניט לאַנג האָט מען אנטדעקט די רעשטן פון א סטעפּישער, ערדישער מענטשנארטיקער מאַלפּע, וועלכע איז געגאנגען און ארומגעלאָפן אפ צוויי פיס.

ווענ אונדזערע מאלפּעארטיקע אורעלטערנ האָבנ זיכ אראָפּגעלאָזט פונ די ביימער אפ דער ערד, האָבנ זיי ניט געקאָנט ווערנ קיינ פירפיסיקע כײַעס. זיי איז שווער געווענ צו קריכנ אפ אלע פיר: דער געבוי פונ דעמ קערפּער האָט עס ניט דערלאָזט — געשטערט האָבנ די הענט, דאָס הייסט די פאָדערשטע ענדגלידער, וואָס זײַנענ בא זיי געווענ צוגעפּאסט בלויז צומ קריכנ אפ די ביימער. ס'איז קלאָר, אז זיי האָבנ געהאט איינ ברירע — אויסנוצנ צומ באוועגנ זיכ נאָר די אונטערשטע ענדגלידער, דאָס הייסט די פיס.

אפ אזא אופנ, איז די צווייפיסיקײַט פונ אונדזערע מאלפּישע אורעלטערנ, די פייִקײַט זייערע צו גיינ ווערטיקאל, אופגעקומענ איבער צוויי גרונט־סיבעס: ערשטנס, איבער דעמ נײַעמ ארט לעבנ, דאָס הייסט איבער דעמ, וואָס זיי זײַנענ אינגאנצנ אראָפּ פונ דעמ בוימ אפ דער ערד; צווייטנס, איבער די אייגנשאפטנ פונ דעמ קערפּער־געבוי — ווײַל זייערע פאָדערשטע ענדגלידער זײַנענ ניט געווענ צוגעפּאסט צו באוועגנ זיכ איבער דער ערד.

ס'איז זעלבסטפארשטענדלעכ, אז די פארוואנדלונג פונ אונדזערע כײַשע אורעלטערנ פונ פירפיסיקע וועזנס אינ צווייפיסיקע איז פאָרגעקומענ ניט מיטאמאָל, נאָר בעהאדראָגעדיק, אינ א לאנגנ מעשעכ צײַט. וויכטיק איז אָבער דאָס, וואָס די פיס זײַנענ געווענ צוגעפּאסט צומ גיינ, דעריבער זײַנענ די הענט געוואָרנ פרײַ. זיי זײַנענ געוואָרנ אלץ מער אונ מער אומנייטיק אלס אָרגאנענ צו אָנשפּארנ זיכ אָדער צו קריכנ אונ האָבנ געקאָנט אויסגענוצט ווערנ צוליב אנדערע באדערפענישנ, לעמאָשל, צוליב געברויכנ אונ פּראָדוצירנ געצײַג.

VII. פארוואָס זײַנענ אונדזערע כײַשע אורעלטערנ געוואָרנ מענטשנ?

דער מענטש איז א געזעלשאפטלעכע כײַע

מיר האָבנ זיכ איבערצײַגט, אז אדאנק דער ענדערונג אינ דער לעבנס־סוויווע זײַנענ אונדזערע פירפיסיקע אורעלטערנ געוואָרנ צווייפיסיק. אָבער וואָס אייגנטלעכ האָט סאָפּקאָלסאָפּ געבראכט דערצו, אז זיי זאָלנ אריבערגיינ צו דעמ מענטשלעכנ צושטאנד? וואָס האָט זיי אויסגעטיילט פונ דער באלעכײַימ־וועלט אונ געמאכט פאר „קיניגנ פונ דער נאטור“?

אפ אָט דער פראגע האָט געגעבנ אינ גרונט א קלאָרנ ענטפער דער גרויסער לערער פונ פראָלעטאריאט — ענגעלס.

ווי עס איז באוווּסט, לעבנ פיל פייגל, אינזעקטנ אונ אנדערע באלעכײַימ (באזונדערס, פונ די גראָז־עסנדיקע) גרופּעסווײַז, אינ קאָלעקטיוונ (פאמיליעסווײַז, טשאמעסווײַז, טשערעדעסווײַז). וואָס טרײַבט זיי דערצו? דער קאמפּ פאר עקזיסטענצ, דאָס הייסט די דײַגעס, ווי צו באקומענ שפּײַז, ווי צו באשיצנ זיכ פונ די פײַנט, ווי פאָרצוזעצנ דעמ מינ. אאוו. דער קאָלעקטיוו איז, אזוי ארומ, א מיטל אינ דעמ קאמפּ פאר עקזיסטענצ, א מיטל פונ צופּאסנ זיכ צו דער נאטור, צו דער ארומיקער לעבנס־סוויווע.

אינ די פארשיידענע באדינגונגענ פונ קאמפּ איז דאָס צופּאסנ זיכ אויכ פאר־

שיידנ, — עס פאָדערנ זיכ אלערליי צופאסונגענ, דאָס הייסט פארשיידענע אָרגאני=זיר=פאָרמענ, לעבנס=רעזשימענ פונ די קאָלעקטיוונ בא פארשיידענע באלעכײַם. בא די בינענ, מורעשקעס, מאלפעס, ביבערס אונ א ריי אנדערע באלעכײַם טרעפנ מיר שטענדיק א „געזעלשאפטלעכ“ (סאָציאל) לעבנ, וואָס איז געבויט אפ קעגנזײַטיקער הילפ אונ ארבעט=צעטיילונג.

וואָס איז שייעכ דעמ מענטשנ, קאָנ ער אויכ ניט לעבנ אייגער אליינ. דער מענטש איז ניט גלאט א כײַע, נאָר ווי עס האָט ריכטיק אָנגעוויזנ דער גרויסער גרי=כישער דענקער אריסטאָטעל — א „געזעלשאפטלעכע כײַע“: ער לעבט ניט נאָר אינ דער נאטור, נאָר אויכ אינ דער געזעלשאפט פונ זײַנ גלײַכנ.

א געזעלשאפט איז דער נויטווענדיקער באדינג פונ דעמ מענטשנס עקזיסטענצ, ווײַל אויסער דער געזעלשאפט, דאָס הייסט אָנ מיטארבעטערשאפט מיט זײַנ גלײַכנ, קאָנ דער מענטש ניט עקזיסטירנ. עלנט, אינגאנצנ אָפּגעריסנ פונ דעמ קאָלעקטיוו, וואָלט דער מענטש געווענ אנ אומבאהאָלפנ, נעבעכדיק ווענ: ער וואָלט ניט אימ=שטאנד געווענ צו קריגנ זיכ שפּײַז, צו ראטעווענ זיכ פונ רויבגיריקע כײַעס אונ ביכלאל, אויסצוקעמפנ זײַנ עקזיסטענצ.

דערפונ איז געדרונגענ, אז דעמ אופקומ פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט קאָנ מענ באגרײַפנ בלויז, ווענ מע שטעלט זיכ פאָר, אז דעמ מענטשנס פאָרגייער, די מאלפעס, האָבנ געלעבט טשערעדעסווײַז. מע טאָר, ווײַטער, ניט פארגעסנ, אז אונדזערע אורעלטערנ זײַנענ געווענ פארהעלטניסמעסיק שוואכע באלעכײַם, דערי=בער איז די טשערעדע געווענ פאר זיי זייער א וויכטיק „געצײַג“ אינ דעמ קאמפ פאר עקזיסטענצ.

א באווײַז, אז דער מענטש איז א געזעלשאפטלעכע כײַע, אז ער פארמאָגט א שטארק אנטוויקלטנ „געזעלשאפטלעכנ אינסטינקט“, האָט דארווינ אײַנגעזענ, אגעוו, אינ דעמ פאקט, וואָס דער מענטש האָט פײַנט צו זײַנ איינזאמ אונ ער שטרעבט צו געפינענ זיכ אינ א געזעלשאפט. אינ צוזאמענהאנג דערמיט האָט דארווינ זיכ אויסגעדריקט, אז „איינצל=ארעסט — איז איינע פונ די שווערסטע שטראָפנ, וואָס מע האָט געקאָנט צוטראכטנ פארנ מענטשנ“.

דארווינ האָט געשריבנ: „אויב אורטיילנ נאָכ די מינהאָגימ נאָכ פונ די ווילדע מענטשנ אונ פונ דעמ גרעסטנ טייל פירפיסיקע, האָבנ די ערשטע מענטשנ אונ אפילע די מענטשנארטיקע אורעלטערנ פונעמ מענטשנ, ווארשײַנלעכ, געלעבט גע=זעלשאפטנווײַז“.

שפּעטער האָט ענגעלס ניט איינ מאָל ארויסגעבראכט דעמ זעלבנ געדאנק, נאָר אינ א סאכ אנ אנטשיידענער פאָרמ, ווײַל פאר אימ איז געווענ קלאָר, אז דאָס לעבנ פונ אונדזערע אורעלטערנ אינ טשערעדעס איז געווענ זייער א וויכטיקער מאָ=מענט, וואָס האָט געשאפנ די מעגלעכקײַט, אז עס זאָל אופקומענ דער מענטשלע=כער מינ.

ענגעלס האָט געשריבנ, אשטייגער, אזוי: „לויט מײַנ מיינונג, איז דער געזעל=שאפטלעכער אינסטינקט געווענ איינער פונ די וויכטיקסטע הייבערס דערצו, אז פונ דער מאלפע זאָל זיכ אנטוויקלענ דער מענטש. די ערשטע מענטשנ האָבנ, ווארשײַנ=לעכ, געלעבט טשערעדעסווײַז, אונ אפ וויפל מיר קאָנענ זיכ פארטיפערנ אינ דער

טיפ פונ די דוירעס, געפינענ מיר, אז אזוי איז עס טאקע געווענ“. („דיאלעקטיק פונ דער נאטור“, פארטיזדאט, 1936, ז. 226).

ענגעלס האָט אונטערגעשטראָכנ, אז אונדזערע מאלפישע אורעלטערנ זײַנענ געווענ געזעלשאפטלעכע כײַעס, אז עס איז אוממעגלעכ צו רעכענענ, אז די נאָענטסטע אורעלטערנ פונ דעמ מענטשנ, פונ דעמ דאָזיקנ אמערסטנ געזעלשאפטלעכנ באלעכײַ, זאָלנ שטאממענ פונ ניט-געזעלשאפטלעכע נאָענטסטע אורעלטערנ. אונ געווענ איז ער פולקומ גערעכט: דאָס דערלערנענ די מאלפעס בכלל, אונ די מענטשנארטיקע מאלפעס בפרט, לאָזט ניט איבער קײנ צווייפל, אז מערסטנטייל לעבנ זיי ווירקלעכ טשערעדעסווײַז.

אזויארומ, שטאממט דער מענטש פונ מאלפעארטיקע באשעפענישנ, וועלכע האָבנ געלעבט אינ מעשעכ פונ לאנגע דוירעס אינ גרעסערע אָדער קלענערע קאָלעקטיוונ — טשערעדעס. אָט טאקע דערפאר, וואָס דעמ מענטשנס אורעלטערנ האָבנ געפירט א געזעלשאפטלעכ לעבנ, האָבנ זיי דערגרייכט צו דער הויכער אנטוויקלונגס-שטופע — זײַנענ זיי געוואָרנ הײַנטצײַטיקע מענטשנ.

אונ דאָכ שווימט ארופ די פריִערדיקע פראגע: פארוואָס זשע האָט די מענטשלעכע געזעלשאפט פאָרט דערגרייכט צו אזא הויכער אנטוויקלונגס-שטופע, אז זי האָט זיכ אָפגעריסנ פונ די באדינגונגענ פונ רײנ כײַישער עקזיסטענצ? פארוואָס זײַנענ די געזעלשאפטלעכע כײַעס, לעמאָשל, די הויכ-אנטוויקלטע מאלפעס, ניט ארופגעקומענ אפ דעמ זעלבנ וועג, ווי דעמ מענטשנס אורעלטערנ?

ווי קעמפט דער מענטש פאר זײַנ עקזיסטענצ?

קעדײ צו ענטפערנ אפ דער דאָזיקער פראגע, דארפ מענ פריִער פאר אלצ וויסנ: צי קעמפט דער מענטש פאר דער עקזיסטענצ אונ צי פאסט ער זיכ צו צו דער נאטור פונקט אזוי, ווי אלע כײַעס, אָדער אפ עפעס אנ אנדער אופנ.

דערופ גיט אנ ענטפער ענגעלס. ער האָט באוויזנ, אז מע טאָר זיכ ניט באגרענעצנ דערמיט, וואָס מע זאָגט, אז דער מענטש שטאממט פונ דער כײַע, אז דער מענטש איז בלויז די העכסטע שטופע אינ דער אנטוויקלונג פונ דער באלעכײַימ-וועלט. מע מוז נאָכ האָבנ אינ זינ, אז דער מענטש איז גאָר א באזונדער מינ כײַע, א כײַע, וואָס האָט אויסגעארבעט אינ זיכ אזעלכע שטריכנ, וואָס בא אלע אנדערע כײַעס זײַנענ זיי ניט פאראנ. דאָס איז צו זענ פונ פאָלגנדעס.

אויב א וועלכע-ס'ניט-איז כײַע קומט אָנ אינ א נײַ אָרט, מיט אנדערע לעבנס-באדינגונגענ, מוז דער קערפער פונ אָט דער כײַע זיכ צופאסנ צו די נײַע באדינגונגענ. לעמאָשל, אויב א באלעכײַ פונ א ווארעמענ קלימאט טרעפט אינ א קעלטערנ, הייבט אָנ בעהאדראָגעדיק בא אימ אָנוואקסנ א געדיכטערע וואָל אָדער פעל. עס מאכט זיכ פארקערט, אז א באלעכײַ, וואָס ציט זיכ איבער פונ א קאלטנ קלימאט אינ א ווארעמענ, פארלירט בעהאדראָגעדיק זײַנ געדיכטנ צודעק.

וואָס איז שײַעכ דעמ מענטשנ, באזיצט ער, אינ פארגלײַכ מיט אלע איבעריקע באלעכײַימ, די גרעסטע פייִקײַט פונ צופאסנ זיכ צו די פארשיידנארטיקסטע באדינגונגענ. אָבער זײַנ גאנצנ דערפאָלג אינ דעמ צופאסנ זיכ צו דער סוויווע האָט ער צו פארדאנקענ ניט די ענדערונגענ פונ דעמ קערפער, נאָר דעמ פאקט, וואָס ער שאפט פארשיידנ געצײַג. אָנשטאָט דעמ, ער זאָל ענדערנ זײַנע אָרגאנענ אונ

דערמיט זיכ אומבאוווּסטזיניק אונטערווארפנ דער סוויווע, ווארפט דער מענטש באוווּסטזיניק אונטער די סוויווע צו זיכ — ער דערפינדעט פארשיידענע געצייג. דער מענטש באשיצט זיכ, לעמאָשל, פונ קעלט דערמיט, וואָס ער הארגעט א חיה, שינדט אָפּ די פעל אונ דעקט זיכ מיט איר צו; אפּ לאָזנ זיכ מיט וואסער בויט ער א שיפ אונ מאכט א וועסלע אאוו.

אָנווייזנדיק אפּ אָט דעמ וויכטיקנ פאקט, שרייבט דארווינ אזוי: „דער מענטש באזיצט א גרויסע פייִקייט זיכ צוצופאסנ צו נייע לעבנס-באדינגונגענ: ער דערפינ-דעט געווער, מאכשירימ, אונ אפילע אויפאנימ דערצו, אז ער זאָל באקומענ שפייז אונ זיכ באשיצנ; ווענ ער קלייבט זיכ איבער אינ א קעלטערנ קלימאט, באשיצט ער זיכ מיט קליידער. ער אָרדנט זיכ איינ א וווינונג אונ מאכט פייער, אדאנק דעמ פייער קאָכט ער זיכ שפייז, וואָס אנדערש וואָלט מענ זי ניט געקאָנט פארדייענ. פארקערט, נידעריק אנטוויקלטע באלעכייִמ מוזנ ענדערנ דעמ געבוי אפּ צו בלייבנ לעבנ בא שטארק געענדערטע באדינגונגענ: זיי האָבנ געמוזט ווערנ שטארקער אָדער קריגנ שטארקערע ציינ אונ קרעלנ, קעדיי צו פארטיידיקנ זיכ פונ די נייע פיינט, אָדער זיי האָבנ געמוזט ווערנ קלענער אינ דעמ פארנעמ, אז מע זאָל זיי ניט בא-מערקנ אונ זיי זאָלנ אימשטאנד זיינ אוועקצוגיינ פונ דער געפאר. ווענ זיי פלעגנ זיכ אריבערקלייבנ אינ א קעלטערנ קלימאט, פלעגנ זיי מוזנ באדעקט ווערנ מיט א געדיכטערער פעל אָדער ענדערנ דעמ געבוי פונ דעמ קערפער; ווענ זיי זאָלנ זיכ אפּ אזא אויפנ ניט געווענ ענדערנ, וואָלטנ זיי אופגעהערט צו עקזיסטירנ".

די אונטערשטע שורע איז, אז דער מענטש איז ניט מעכויעװ צו ענדערנ אינ קאמפ פאר דעמ לעבנ די אָרגאנענ זיינע, צופאסנ זיי צו די באדינגונגענ פונ דעמ פלאצ, וווּהינ ער קומט אָנ. ער שאפט בעסער פארשיידנ געצייג, וואָס קאָנ פאר-ביטנ די אָדער אנדערע אָרגאנענ.

דער מענטש האלט די גאנצע צייט אינ איינ מאכנ פארשיידענע נייע געצייג אונ פארפולקומענ די פריִערדיקע. דאָס גיט אימ די מעגלעכקייט צו הערשנ איבער דער סוויווע, דאָס הייסט צוועקמעסיק צו ענדערנ די נאטור אונ אויסנוצנ זי צוליב זיינע באדערפענישנ. נאָר אדאנק דעמ האָט ער זיכ אויסגעטיילט פונ דער באלע-כייִמ-וועלט, דאָס הייסט ער האָט אָנגעהויבנ אונטערווארפנ אונטער זיכ די ארו-מיקע נאטור.

מיט וואָס שיידט זיכ אונטער דער מענטש פונ דער חיה?

באוויזנ, אז דער מענטש שטאמט פונ דער מאלפע, האָט דארווינ ניט דערקלערט, וואָס פארא אומשטענדנ האָבנ פארורזאכט דעמ שפרונג פונ דער מאלפע צומ מענטשנ, דאָס הייסט, האָבנ געבראכט דערצו, אז די חיה איז געוואָרנ א מענטש. דארווינ האָט אָט דעמ שפרונג ניט געזענ, ניט געזענ דעמ שארפנ אונטערשייד צווישנ דער מענטשלעכער געזעלשאפט אונ יעטווידער פארייניקונג פונ חייעס (משע-רעדע, משאטע אאוו.), ווייל אימ האָט אינטערעסירט בלויז צו דערווייזנ די אומ-צעריייסבארע פארבינדונג פונ דעמ מענטשנ מיט דער באלעכייִמ-וועלט.

עמעס, דארווינ איז ניט איינ מאָל צוגעגאנגענ הארט צו דער פראגע וועגנ די טרייב-קרעפטנ פונ דעמ פראָצעס פונ דער פארמענטשלעכונג פונ דער מאלפע. ער

האָט, לעמאָשל, פארצייכנט, אז די ארבעט=פארטיילונג צווישנ די הינטערשטע ענד=גלידער (פיס) אונ די פאָדערשטע (הענט) טיילט קאָנטיק אויס דעמ מענטשנ פונ אלע כײַעס, אונ אז דאָס גופא איז געווענ איינע פונ די וויכטיקסטע סיבעס, וועלכע האָבנ ארויסגערוקט דעמ מענטשנ פונ דער באלעכײַימ=וועלט. ער האָט אויכ אײַנגעזענ, אז א געוויסע באדײַטונג האָט דאָ אויכ געהאט די ווערטיקאלע לאגע פונ דעמ מענטשנ; דעריבער האָט ער געהאלטנ, אז אונדזער מאלפישנ אורפאָטער „האָט געלויגט צו ווערנ צווייפיסיק“.

דאָכ איז דארווינ ניט געווענ אימשטאנד צו פאנאנדערוויקלענ די דאָזיקע באזונדערע, זייער וויכטיקע געדאנקענ. ער האָט זיי ניט צוגעגעבנ קיינ גענוגנדיקנ באדײַט, ער האָט ניט פארשטאנענ, ווי וויכטיק דאָס איז אלצ אפ פעסטצושטעלנ די סיבעס פונ דער פארמענטשלעכונג פונ דער כײַע, ווײַל — מיר כאזערנ איבער נאָכאמאָל — ער איז אינגאנצנ געווענ פארטאָנ אינ דער פראגע וועגנ דעמ אָרט פונ דעמ מענטשנ אינ דער באלעכײַימ=וועלט. אָבער קעדיי קלאָר צו מאכנ, פארוואָס האָט דער מענטש זיכ אופגעהויבנ אזוי הויכ איבער דער באלעכײַימ=וועלט, מוז מענ, ווי מיר האָבנ שוינ געזאָגט, באטראכטנ ניט דאָס, וואָס עס פארייניקט דעמ מענטשנ מיט דער באלעכײַימ=וועלט, נאָר דאָס, וואָס טיילט אימ שארפ אָפ פונ אָט דער וועלט. ניט געקוקט דערויפ, וואָס דער מענטש שטאמט פונ דער מאלפע, טיילט זיכ ד אָ כ ראדיקאל אָפ די אנטוויקלונג פונ דעמ מענטשנ פונ דער אנטוויקלונג פונ אלע העכערע מאלפעס.

דאָס, וואָס דארווינ איז פארבײַגעגאנגענ, האָט גלענצנדיק אנטוויקלט ענגעלס. דער דאָזיקער גרויסער דענקער האָט דיסקאָנטירט, אז דער מענטש איז די איינציקע כײַע, וואָס האָט זיכ ארויסגעוויזנ פאר פײִק ארויסצוקריכנ פונ דעמ ריינ כײַישנ צושטאנד. ער האָט באוויזנ, אז די וויכטיקסטע, אנטשיידענע ראָליע אינ דעמ פראָצעס פונ דער אויסבילדונג פונ דעמ מענטשנ פונ דער מאלפע האָט געשפילט די ארבעט, ווײַל אינ יעסאָד פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט ליגט די פראָדוקציע, דאָס הייסט ארבעט.

אינדערעמעסנ גערעדט, — ווענ האָבנ טאקע מענטשנ אליינ אָנגעהויבנ צו מאכנ אנ אונטערשייד צווישנ זיכ אונ צווישנ די כײַעס? בלויז דאנ, ווענ זיי האָבנ אָנגעהויבנ ארבעטנ, דאָס הייסט צו פראָדוצירנ מיטלענ, וואָס זײַנענ זיי געווענ נייטיק צומ לעבנ. דעריבער האָט קארל מארקס אינ „קאפיטאל“ באצייכנט, אז מענטשנ האָבנ מיט זייער ארבעט זיכ ארויסגעשלאָגנ פונ דעמ אורשפרינגלעכנ כײַישנ צושטאנד.

אונדזער עלטסטער אורפאָטער, דאָס הייסט דער מאלפע=מענטש, האָט, ווי אלע כײַעס, ניט געמאכט זיכ קיינ שפײַז — ער פלעגט זי אופקלײַבנ אָדער פארכאפנ מיט געוואלט, דאָס הייסט ער פלעגט אויסנוצנ די גרייטע געשאנקענ פונ דער נאטור, דערבײַ האָט ער, פארשטייט זיכ, געמוזט אויסהאלטנ א קאמפ מיט די פארשיידנסטע פײַנט אונ שטענדיק זײַנ „אפ דער וואכ“.

באזונדערס שמאָל האָבנ געהאלטנ אונדזערע אורעלטערנ אינ יענעמ פעריאָד פונ זייער לעבנ, ווענ זיי האָבנ אופגעהערט צו זײַנ וואלד=כײַעס אונ אָנגעהויבנ צו לעבנ אפ אָפענע פלעצער. אינ די נײַע באדינגונגענ האָבנ אונדזערע אורעלטערנ געמוזט אָנווענדנ גרעסערע אָנשטרענגונגענ אפ צו בלײַבנ לעבנ צווישנ דער מאסע פײַנט. ניט פארמאָגנדיק קיינ פאסיקע נאטירלעכע קאמפס=„מיטלענ“, דאָס הייסט ניט קיינ

שאַרפֿע ציינ און קרעלנ, ניט קיינ שטאַרקע הערנער אאוו., האָט אונדזער מאַלפּע־אַרטיקער אורפֿאָטער געמוזט ניט נאָר דערווערבנ זיכ שפּײַז, ער האָט נאָכ כוצ דעמ געמוזט זיכ פֿאַרטיידיקנ פֿונ די פֿאַרשיידנסטע ווילדע כײַעס.

די שווערע נויט האָט געטריבנ דעמ מאַלפּע־מענטש אויסצונוצנ אומבאַוווּסטזיניק צוליב זעלבשוצ פֿאַרשיידענע שטיינער און שטעקנס, און אַזוי־אַרומ, פֿאַרשטאַרקנ די ווירקונג פֿונ זײַנע נאַטירלעכע אינסטרומענטנ אָדער אָרגאַנענ — די הענט. סאָפֿקאָלסאָפֿ האָט עס געבראַכט דערצו, אַז דער מאַלפּע־מענטש האָט אָנגעהויבנ איבערצואַרבעטנ די שטיינער און די שטעקנס, צוגעבנ זיי די אָדער יענע מער באַקוועמע פֿאָרמ. אָפֿ אַזאַ אויפֿנ האָט ער שוינ געברויכט ניט קיינ גרייט געצײַג, נאָר קינסטלעכס, וואָס ער אַליינ האָט געמאַכט.

דאָס איז געווענ דער צווייטער אַנטשיידנדיקער מאָמענט אינעמ אַריבערגאַנג צו דעמ מענטשלעכנ צושטאַנד (לאָמיר זיכ דערמאָנענ, אַז דער ערשטער מאָמענט איז געווענ דאָס פֿאַרוואַנדלט ווערנ אינ אַ צווייפֿיסיק וועזנ). ערשט דאַנ, ווענ דער אורפֿאָטער פֿונ דעמ מענטשנ האָט זיכ געשאַפֿנ דאָס ערשטע קינסטלעכע געצײַג, דאָס הייסט ער האָט אָנגעהויבנ צו אַרבעטנ, האָט ער אָנגעהויבנ זיכ צו פֿאַרמענטשלעכנ, צו ווערנ פֿונ דער כײַע אַ מענטש אינ דעמ עמעסנ זינ פֿונ וואָרט.

ווי נאָר דער מענטש האָט אָנגעהויבנ צו מאַכנ דאָס פֿאַרשיידענע ערשטע געצײַג, איז אויפֿגעקומענ די אַרבעט.

דער אָנהייב פֿונ דער אַרבעט איז אַ רעזולטאַט פֿונ די אייגנשאַפֿטנ און דעמ געבוי פֿונ דעמ מענטשנס קערפּער, דאָס הייסט פֿונ די פֿרײַע הענט. די פֿרײַע הענט, ווידער, זײַנענ אַ רעזולטאַט פֿונ דעמ גײַנ אינ אַ ווערטיקאַלער לאַגע. וועגנ דעמ האָט דאַרווינ געשריבנ אַזוי: „דער מענטש וואָלט קיינמאָל ניט דערגרייכט צו זײַנ איצטיקער פּראָמינענטער לאַגע אינ דער וועלט אָנ דער אויסנוצונג פֿונ די הענט, פֿונ דעמ דאָזיקנ געצײַג, וואָס באַזיצט די ווונדערלעכע אייגנשאַפֿט צו פֿאָלגנ זײַנ וויל״.

די האַנט איז אַנ אָרגאַנ פֿונ אַרבעט, דאָס איז דעמ מענטשנס ערשט געצײַג („אינסטרומענט״), וואָס דינט אימ אָפֿ צו פּראָדוצירנ געצײַג, דאָס הייסט, אינ טאָכ גערעדט, צוליב דעמ קאַמפֿ מיט דער נאַטור. אָבער ענגעלס האָט באַוויזנ, אַז די האַנט איז ניט בלויז דער אָרגאַנ פֿונ אַרבעט, נאָר אויכ דער פּראָדוקט אירער, דאָס הייסט, אַז בלויז די אַרבעט האָט פֿאַרוואַנדלט די גראָבע מאַלפּישע לאַפּע אינ דער געשיקטער האַנט פֿונ דעמ פֿידלער אָדער סקולפּטאָר. ענגעלס האָט דערבײַ פֿעסטגעשטעלט, אַז אַלצ, וואָס האָט געבראַכט נוצנ דער האַנט, האָט געבראַכט אויכ נוצנ דעמ גאַנצנ קערפּער, וועלכנ די האַנט האָט געדינט. דעריבער איז די פֿאַרוואַנדלונג פֿונ דער מאַלפּע אינ אַ מענטשנ פֿאָרגעקומענ אַדאַנק דער אַרבעט, דאָס הייסט, אַז אינ פּראָצעס פֿונ אַרבעט ווידערשטייט דער מענטש דער נאַטור, ער וואַרפֿט זי זיכ אונטער.

מיט איינ וואָרט, די אַרבעט איז יענע זאַכ, וועלכע פֿירט דורכ אַ שאַרפֿנ גרענעצ־צייכנ צווישנ דעמ מענטשנ און דער כײַע, דאָס איז יענע זאַכ, וואָס רײַסט ווי אָפּ דעמ מענטשנ פֿונ דער גאַנצער איבעריקער אָרגאַנישער נאַטור, פֿונ וועלכער ער איז אויפֿגעקומענ.

פארוואָס האָט דער מענטש זיך אויסגעטײלט
פונ דער באַלעכײַימ־וועלט?

אינײנעם מיטנ אופקום פונ דער ארבעט איז אופגעקומענ די טעכניק, דאָס הייסט די באַוווּסטזיניקע אופווירקונג אַפ דער נאַטור. די ערשטע שריט פונ די מאַלפּע=מענטשנ אינעם געביט פונ טעכניק, די ערשטע מאָמענטנ פונ געברויכנ געצײַג האָבנ שוינ ווי מיטאמאָל פארגרעסערט די פיזישע קראַפט פונ אָט די אורעלטערנ אונדזערע אונ פארברייטערט די גרענעצנ פונ זייער טעטיקײַט. אדאנק דער אָנווענדונג פונ געצײַג האָבנ זיי באקומענ די מעגלעכקײַט צו פארטיידיקנ זיך מיט גרויס דערפאָלג פונ די גיריקע כײַעס אונ ארויסצובאקומענ זיך שפּײַז מיט ווייניקער אָנשטרענגונגענ.

א וויכטיקנ אונטערשייד צווישנ דעם מענטשנ אונ די איבעריקע כײַעס האָט ענגעלס געזענ אָט אינ וואָס: „די כײַע דערגרייכט אינ בעסטנ פאל ביז צו דער אופזאמלונג פונ עקזיסטענצ=מיטלענ, דער מענטש, ווידער, פראָדוצירט זיי; ער קריגט ארויס אזעלכע עקזיסטענצ=מיטלענ (אינ ברייטסטנ זינ פונ וואָרט), וואָס די נאַטור וואָלט זיי אָנ אים ניט פראָדוצירט“ (פ. ענגעלס, „דיאלעקטיק פונ דער נאַטור“, ז. 37).

אונ ווירקלעכ, יעדע כײַע האָט אינ איר רעשוס בלויז יענעמ סכום לעבנס=מיטלענ, וועלכנ זי קריגט ארויס אדאנק אירע אָרגאנענ. גאָר אנדערש האלט עס מיטנ מענטשנ. ווי נאָר עס איז אופגעקומענ די טעכניק, האָט ער באקומענ די מעגלעכקײַט אופצוהייבנ באדײַטנדיק דעם ניוואָ פונ זײַנע עקזיסטענצ=מיטלענ, דאָס הייסט ארויסצוגיינ אויסער די גרענעצנ פונ יענע לעבנס=מיטלענ, וועלכע עס „גיט אינ זײַנ רעשוס“ די נאַטור אינ דער פאָרמ פונ זײַנע אָרגאנענ (הענט, פיס אאוו.).

פריער, לעמאָשל, פלעגט דעם מענטשנ אָנקומענ זייער שווער צו כאפּנ פייגל — פייגל זײַנענ געווענ פאר אים קימאט ניט צוטריטלעכ. אָבער פונ זינט ער האָט אנטדעקט דעם שטיינוואַרפער, דעם בויגנ אונ די פײַלנ, איז אים געוואָרנ פיל גרינגער. ווענ ער איז שוינ דערגאנגענ צו פײַער (לאָמיר זיך דערמאָנענ, אז דער נעאנדערטאלער האָט געברויכט פײַער), האָט דער ניוואָ פונ זײַנע עקזיסטענצ=מיטלענ אָנגעהויבנ צו שטײַגנ אלצ העכער אונ העכער.

אזויארום, שיידט זיך דער מענטש אונטער פונ דער כײַע אינ דער ערשטער ריי דערמיט, וואָס ער איז שטענדיק פייִק צו פארגרעסערנ אומבאגרענעצט די עקזיסטענצ=מיטלענ, וואָס זײַנענ אים נייטיק, אונ דער דאָזיקער אונטערשייד איז א רעזולטאט פונ פראָדוצירנ ארבעט=געצײַג.

די ארבעט, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבנ, פונ זינט די מאַלפּע האָט גענומענ פראָדוצירנ געצײַג, האָט בעהאדראָגעדיק פארוואנדלט דעם פארנונפט פונ דער מאַלפּע אינ דעם מענטשלעכנ פארשטאנד. אדאנק דער ארבעט האָט דאָכ דער מענטש אנטדעקט אינ דער ארומיקער נאַטור נײַע אייגנשאפטנ, וואָס זײַנענ ביז דאנ געווענ אומבאקאנט. דאָס האָט אויכ ניט געקאָנט ניט ווירקנ אַפ זײַנ סייכל.

די אנטוויקלונג פונ דער ארבעט האָט, כוצ דעמ, געבראַכט נאָכ דערצו, אז די מיטגלידער פונ דער געזעלשאפט האָבנ זיך גענומענ צונויפשליסנ אלצ ענגער אונ ענגער. אינ פראָצעס פונ דער פראָדוקציע פלעגנ אלצ אָפטער אונ אָפטער זיך מאכנ פאלנ פונ קעגנזײַטיקער שטיצע, פונ בעשוטפעסדיקער טעטיקײַט, אזוי אז פאר יעדנ

אײנציקנ מיטגליד פלעגט קלאָר װערנ, װי נוצלעכ עס איז בעשוטפעסדיקע טעטיקײַט. דעריבער האָט דער פראָצעס פונ ארבעט געבראַכט נויטװענדיק דערצו, אז בא אונדזערע אורעלטערנ האָט זיכ, לויט ענגעלסעס אויסדרוק, „באַװיזנ די באדערפעניש צו זאָגנ עפעס אײנער דעמ אנדערנ". הײסט עס, אז דאָס רײדנ, דאָס הײסט דאָס װיכטיקסטע פאַרקער=מיטל צװישנ מענטשנ, איז אויכ א רעזולטאַט פונ ארבעט.

דער אויספיר איז, אז די װיסנשאַפט האָט געלײזט די פראַגע װעגנ דעמ אופקומ פונ דעמ מענטשנ. עס האָט זיכ ארויסגעװיזנ, אז דער מענטש האָט א כײַישע אָפשטאַמונג אונ בלויז אדאַנק דער ארבעט האָט ער זיכ אויסגעטײלט פונ דער באַלעכײַימ=װעלט אונ איז געװאָרנ א מענטש.

דער מענטש איז א כײַע, װאָס מאַכט געצײַג

מיר קאָנענ זיכ אפילע ניט פאָרשטעלנ אזעלכע מענטשנ, װאָס זאָלנ ניט האָבנ קײנ באַגריפ װעגנ א װעלכנ=ס'ניט=איז געצײַג, זאָלנ ניט זײַנ אימשטאַנד צוצוגרײטנ, לאָמיר זאָגנ, א װעלכע=ס'ניט=איז אײנפאַכע אינסטרומענטנ. אינ דער פײַקײט צו שאַפנ ארבעט=געצײַג ליגט דאָכ דער סאַמע װיכטיקער, דער סאַמע טיפער אונטערשײד צװישנ דעמ מענטשנ אונ דער כײַע. צװישנ די רעשטנ פונ דעמ כינעזישנ מאַלפע=מענטש האָט מענ געפונענ געצײַג; דעריבער מאַכנ מיר דעמ אויספיר, אז די דאָזיקע באַשעפעניש דאַרפ מענ צורעכענענ צומ מענטשלעכנ מינ, כאָטש זי אונטערשײדט זיכ שטאַרק פונ די הײַנטצײַטיקע מענטשנ.

עמעס, פרימיטיװסטע געצײַג אפ צו באַקומענ שפײַז אונ באַקעמפנ די פײַנט ברויכנ אויכ אײניקע כײַעס. דער העלפאַנד, לעמאָשל, ברעכט אָפ מיט דער נאָז א צװײַג פונ בוימ אונ פאָכעט זיכ פונ די פליגנ; מאַלפעס, װאָס װױנענ אינ געפאַנגענשאַפט, קאָנ מענ אויסלערנענ זיכ צו באַנוצנ מיט א לעפל, מיט א טײ=לעפעלע, מיט א קאָלדרע, מיט א העמערל, קעדײַ צו דערגרײכנ אזעלכע צװעקנ, װאָס דער מענטש צײכנט זײ אָנ. אפ דער פרײַהײַט פאַלנ די מאַלפעס אלײנ אײַנ אפ דעמ אײַנפאַל צוצודעקנ זיכ אפ באַנאַכט מיט בלעטער; בײַמ א רעגנ זײַנענ זײ פײַיק צו מאַכנ זיכ צװישנ די צװײַגנ א מינ דאַכ פונ בלעטער. זײ זײַנענ פײַיק צו װאַרפנ אינ זײערע פײַנט שטײנער אונ צװײַגנ, געברויכנ א שטײנ אפ צו צעברעכנ א האַרטנ נוס.

אָבער אָט די אלע כײַעס געברויכנ גרײט געצײַג, װאָס זײ געפינענ אינ דער נאַטור, זײ ענדערנ עס ניט אונ פאַסנ עס ניט צו צו זײערע באַדערפענישנ. אויב די שימפאַנזע איז אימשטאַנד, װי עס האָבנ באַװיזנ די עקספּערימענטנ, צו מאַכנ אינ פאַל פונ נויט געצײַג, טוט זי עס ניט אינ געװײנלעכע באַדינגונגענ. װי עס האָט נאָכ געשריבנ ענגעלס, „האָט קײנ אײנ מאַלפישע האַנט ניט געשאַפנ װענ=ס'ניט=איז זאָל זײַנ דאָס סאַמע גראָבע שטײנערנע מעסער." דעריבער שפּילט געצײַג ניט קײנ באַדײַטנדיקע ראָליע אינ לעבנ פונ די מאַלפעס אונ פונ אלע אנדערע כײַעס.

בא אונדזערע מאַלפעארטיקע אורעלטערנ האָט די ארבעט פונ אָנפאַנג געטראָגנ, לויט מאַרקס' אויסדרוק, „כײַעאַרטיקע, אינסטינקטיװע פאָרמענ". שאַפנ געצײַג איז פריער געװענ א צופעליקע זאַכ, אונ בלויז בעהאַדראָגעדיק איז עס געװאָרנ אנ אײַנגעטימלעכער כאַראַקטער=שטריכ פונ אונדזערע אורעלטערנ.

די אײנציקע כײַע, װעלכע מאַכט ארבעט=געצײַג, — דאָס איז דער מענטש. דע=



האַנט־שלאָגערס. דאָס איז דאָס סאַמע אוראַלטע, שלעכט אַרומגעטעסעטע שטײנ־געצײַג

ריבער זאָגט מארקס: „דאָס געברויכנ אונ שאַפנ אַרבעטס־מיטלענ, כאָטש דאָס איז אינ אַנ עמבריאָנאַלער פאָרמ אײגנטימלעכ פאַר אײניקע ערטנ כײַעס, כאַראַקטעריזירנ דעמ ספּעציפיש־מענטשלעכנ אַרבעטס־פּראָצעס, אונ דעריבער דעפינירט פראַנקלינ דעמ מענטשנ, אַלס... אַ כײַע, וואָס מאַכט געצײַג" (מאַרקס, „קאַפּיטאַל", באַנד I, ז. 130).

אַזוי־אַרומ, איז דער מענטש אַ געזעלשאַפטלעכע כײַע, וואָס מאַכט אַרבעטס־געצײַג. אימ איז ווי אָנגעמאָסטנ דער נאָמענ „דער מענטש דער מײַסטער", ווײַל בלויז פונ דעמ מאָמענט אָנ, ווענ ער האָט אָנגעהויבנ מײַסטרעווענ, אַרבעטנ, צוגרייטנ, זאָל זײַנ די סאַמע פּרימיטיווסטע געצײַג, איז ער אַרײַנגעטראָטנ אינ דעמ נײַעמ עטאַפּ פונ זײַנ אַנטוויקלונג: דער כײַעשער צושטאַנד האָט זיכ אויסגעלאָזט, אָנגעהויבנ האָט זיכ די מענטשלעכע געשיכטע. פונ דאַנ אָנ האָט זיכ דער מענטש געגעבנ אַ שטאַרקנ הייב אַרופ איבער דער באַלעכײַמ־וועלט: נימ ער פּאַסט זיכ צו שוינ צו דער נאַטור, ווי דאָס טוענ כײַעס, נאָר ער פּאַסט צו די נאַטור צו זײַנע באַדערפענישנ. דאָס הייסט ער הערשט איבער איר!

די גרויסע לערער פונ דעמ אַרבעטער־קלאַס מאַרקס אונ ענגעלס, האָבנ אונדז געגעבנ דעמ שליסל צו פאַרשטײנ די גאַנצע געשיכטע פונ דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. זייער לערע וועגנ דער געזעלשאַפט איז געבויט דערויפ, וואָס די אַרבעט איז דער ערשטער אונ גרינטלעכער באַדינג פונ דער מענטשלעכער עקזיסטענצ; וואָס

די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג איז פאַרורזאַכט דורכ אַרבעט; וואָס אָפּבאָדנ פונ אַרבעט שאַפט זיכ די טעכניק („אַרבעט=געצײַג“) אונ ביכלאַל פּראָדוציר=קרעפטנ; וואָס אָפּנ גרונט פונ די פּראָדוציר=קרעפטנ ווערנ געשאַפנ די אָדער אַנדערע פּראָדוציר=פאַרהעלטענישנ; אָפּנ באָדנ, ווידער, פונ פּראָדוציר=פאַרהעלטעניש; קומענ אויפ געזעלשאַפטלעכע (קלאַסעווע) פאַרהעלטענישנ אינ זייער גאַנצער פאַרשײדנאַרטיקײַט. הייסט עס, אַז פונעמ מאַרקסיסטישנ שטאַנדפּונקט איז די אַרבעט, די פּראָדוקציע, די אַקטיווע אופּווירקונג אַפּ דער נאַטור — דער גרונט=טרײַבער פונ דער גאַנצער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. דעריבער האָט ענגעלס אָנגעווענדט די דאָזיקע אײַנשטעלונג צומ סאַמע אָנהייב פונ דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, צו דעמ מענטשנס אָפּשטאַמ פונ דעמ בײַישנ אורפאָטער. ער האָט באַוויזנ, אַז טאַקע דער פּראָצעס פונ אַרבעט, וואָס הייבט זיכ אָנ פונ שאַפנ דאָס איינפאַכסטע געצײַג, האָט פאַרמענטשלעכט די מאַלפּע, האָט פאַרוואַנדלט די מאַלפּע=טשערעדע אינ אַ מענטשלעכער געזעלשאַפט. דעריבער האָט ענגעלס אַבסאָליוט באַגרינדעט געזאָגט, אַז „די אַרבעט האָט געשאַפנ דעמ מענטשנ גופע“.

צי קאָנ די הײַנטצײַטיקע מאַלפּע ווערנ אַ מענטש?

פאַרוואָס זשע ווערנ די מענטשנאַרטיקע מאַלפּעס ניט פאַרוואַנדלט אינ מענטשנ? אַפּ אָט דער פראַגע איז שוינ איצט ניט שווער צו ענטפערנ.

מיר האָבנ געזענ, אַז מאַכמעס דעמ אונטערשייד אינ די עקזיסטענצ=באַדינגונגענ איז די אַנטוויקלונג פונ די אַמאָליקע מענטשנענלעכע מאַלפּעס אַוועק אינ צוויי ריכטונגענ. אייניקע פונ אָט די מאַלפּעס האָבנ זיכ צוגעפּאַסט צו דעמ לעבנ אַפּ די ביימער, אונ דעריבער האָבנ זיכ בײַ זיי אויסגעאַרבעט רייִנ מאַלפּישע סימאָנימ; אַנדערע ווידער האָבנ געקראָגנ די פֿײַקײַט צו גייִנ ווערטיקאַל, אונ אַדאַנק דעמ האָבנ זיי זיכ אָנגעהויבנ אַנטוויקלענ אינ אַנ אַנדער ריכטונג — זיי האָבנ אָנגעהויבנ באַקומענ מענטשלעכע סימאָנימ. אַפּ אַזאַ אויפנ האָט פונ איינע אונ די זעלבע אַמאָליקע מאַלפּעס געקאָנט אַרויסקומענ סײַ מענטשלעכע אונ סײַ מאַלפּישע פאָרמעס, דאָס הייסט צוויי פאַרשיידענע אַרטנ בײַעס.

די הײַנטצײַטיקע הויכ=אַנטוויקלטע מאַלפּעס זײַנענ איינ „זײַטיקער צווײַג“, וואָס האָט זיכ ספּעציעל צוגעפּאַסט צומ לעבנ אינ וואַלד. דער צווייטער „צווײַג“ — דאָס איז דער מענטשלעכער אַרט, וואָס איז אויפגעקומענ אינ אַנדערע באַדינגונגענ, אינ אַנ אַנדער לעבנס=סוויווע.

די הײַנטצײַטיקע מאַלפּע קאָנ ניט פאַרוואַנדלט ווערנ אינ אַ מענטשנ: ווי נאָר זי וואָלט באַקומענ מענטשישע סימאָנימ, וואָלט זי גלײַכ אָנגעוואָרנ די צוגעפּאַסטקײַט צו לעבנ אינ וואַלד אונ וואָלט אומגעקומענ. ווענ אַ מאַלפּע, וואָס „מענטשלט זיכ“, וואָלט אַפילע ניט אומגעקומענ, וואָלט זי געמוזט זיכ טרעפנ מיט דעמ הײַנטצײַטיקנ מענטשנ אונ וואָלט, פאַרשטייט זיכ, ניט אויסגעהאַלטנ דעמ קאַמפּ מיט דעמ מענטשנ.

דאָס סאַמע וויכטיקע באַשטייט אָבער דערינ, וואָס די הײַנטצײַטיקע מענטשנאַרטיקע מאַלפּעס האָבנ אַפּ אַזוי ווײַט זיכ געענדערט אינ פאַרגלײַכ מיט זייערע אורעלטערנ, אַז ווענג דער פאַרמענטשלעכונג זייערער קאָנ גאָר קיינ רייד ניט זײַנ.

591—5

די דאָזיקע מאלפעס האָבן לאנגע פאָדערשטע ענדגלידער און קורצע הינטערשטע. דעריבער האָבן זיי זיך אפ אזויפיל צוגעפאסט צום קלעטערן אפ די ביימער, אז רעכענען, אז זיי זאָלן קענען אריבערגיין צו א ווערטיקאלן גאנג איז אן אומעגלעכע זאך.

ווען דער גיבאָן לאָזט זיך אראָפ אפ דער ערד, באוועגט ער זיך זייער אומגעשיקט, אפ צונויפגעבויגענע קורצע פיס, און אויך אזוי אומגעשיקט שטרעבט ער אײנצוהאלטן דאָס גלײכגעוויכט מיט זײנע לאנגע הענט. דער אָראנג-אוטאנג, די גאָרילא און שימפאנזע באוועגן זיך איבער דער ערד האלב אָנגעבויגן און שפארן זיך אָן אפ דער רוקן-זײט פון די הענט-פינגער. ווען זיי גלײכן זיך אויס, איז זיי שווער אײנצוהאלטן דאָס גלײכגעוויכט, ווײל דער קערפער איז בא זיי אזוי געבויט, אז אין דער ווערטיקאלער לאגע באקומט זיך דאָס גלײכגעוויכט בא זיי ניט קיין שטאנדהאפטיקס.

דאָס אלץ באווײזט, אז די הײנטצײטיקע הויך-אנטוויקלטע מאלפעס קאָנען ניט פארוואנדלט ווערן אין מענטשן, ווײל זיי קאָנען ניט באקומען די פײיקײט צו גיין ווערטיקאל און אזוי ארום צו באפרײען זיך די הענט. אָן פרײע הענט קאָן מען ניט שאפן קיין ארבעטס-געצײג, און אָן ארבעט ווערט איבערהויפט דער פראָצעס פון פארמענטשלעכן די מאלפע אומעגלעך.

אזוי ארום זעען מיר, אז די הײנטצײטיקע מענטשנארטיקע מאלפעס זײנען ספעציאליזירטע באלעכײם, וועלכע האָבן זיך צוגעפאסט אויסשליסלעך צום לעבן אפ די ביימער. זייער אנטוויקלונג איז אפ אזוי ווײט אוועק אין איין זײט, אז אנטוויקלען זיך אין א צווייטער זײט איז שוין געוואָרן אומעגלעך. דעריבער קאָן מען זאָגן, אז דער אנטוויקלונגס-פראָצעס לאָזט זיך ניט צוריקערן: פונקט ווי דער מענטש קאָן זיך ניט פארוואנדלען אין קיין מאלפע, פונקט אזוי קאָנען ניט די הײנטצײטיקע מאלפעס זיך פארוואנדלען אין מענטשן.

VIII. וואָס זשע איז געבליבן פון דער רעליגיעזער לערע וועגן דעם מענטשן?

דער מענטש איז ניט דער צוועק פון דער גאנצער נאטור

די פראגע וועגן דעם אופקום פון דעם מענטשן איז פארבונדן ניט נאָר מיט דער פראגע וועגן דער לאגע פון דעם מענטשן אין דער וועלט פון לעבעדיקע וועזנס, נאָר אויך מיט דער פראגע וועגן דער ראָליע פון דער ערד אין דער וועלט. די וויסנשאפט האָט געלייזט די דאָזיקע פראגע און דערמיט געגעבן א שווערן קלאפ די פארשיידענע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען וועגן דער ערד און וועגן דעם מענטשן, וואָס וווינט אפ דער ערד.

די גלייביקע האלטן, אז אלץ אפ דער וועלט, דאָס הייסט די גאנצע ערד און אלץ, וואָס עס געפינט זיך אפ איר (באלעכײם, געוויקסן אא.) און איבער איר (די זון, די לעוואָנע און אנדערע הימל-ליכטער), עקזיסטירן נאָר צוליב דעם מענטשן, בלויז קעדיי צו באפרידיקן זײנע באדערפענישן. די גײסטלעכע באהויפטן, לעמאָשל, אז די הימל-ליכטער האָט גאָט געשאפן ספעציעל, קעדיי צו וואָרעמען און באלײכטן די ערד, אפ וועלכער עס וווינט דער מענטש. ניט אומזיסט לייענען מיר

אין דער ביבל (בריישים, קאפיטל 1, פסוקים 14, 15): „און געזאָגט האָט גאָט: זאָלן זײַן ליכטער אױף דער הארטקײט דער הימלשער אָפּצוטײלן דעם טאָג פֿון דער נאַכט, און צוליב סימאָנים, און צײַטן, און טעג, און יאָרן. און זײַן זאָלן זײַן ליכטער אױף דער הארטקײט דער הימלשער, קעדײ צו לײַכטן אױף דער ערד".

װען דער גלײביקער האַלט, אַז די זון, די לעװאָנע און די שטערן עקזיסטירן בלױז צוליב דער ערד, מוז ער גײן װײַטער און רעכענען, אַז די ערד פֿאַרנעמט דאָס הױפּט-אָרט אין דער װעלט. יעדע רעליגיע פֿאַרטײדיקט מאַקע אָט דעם קוק, װײל פֿון דעם רעליגיעזן שטאַנדפּונקט איז דער מענטש — דער „ענדציל פֿון דער שאַפֿונג".

װיבאַלד דער מענטש איז אַזאַ כאָשעװע פּערזאָן, װיבאַלד גאָט האַלט אין אײן זאָרגן און באַשירעמען דעם מענטשן, מוז דער מענטש זיך געפֿינען אין צענטער פֿון דער װעלט.

דעריבער טײַנען אַלע די גײַסטלעכע פֿון פֿאַרשײדענע רעליגיעס מיט די גלײ-ביקע, אַז די גאַנצע װעלט עקזיסטירט בלױז צוליב דעם מענטשן. דער מענטש, װי-דער, עקזיסטירט בלױז דערום, קעדײ צו „לױבן זײַן באַשעפֿער". ס'איז קײן װוּנ-דער ניט, װאָס יעדע רעליגיע טײלט אָפּ מיט אַ טיפֿן אָפּגרונט דעם מענטשן פֿון דער בהמה; װאָס זי פֿאַרזיכערט, אַז צװישן מענטשן און בהמות איז ניטאָ קײן שום געמײנזאַמעס, קײן שום קרובֿישאַפֿט.

ס'איז ניט שװער זיך צו איבערצײַגן, אַז די דאָזיקע אײַנשטעלונגען זײַנען ביז גאָר אומגעלומפּערט און אומזיניק. װאָלט טאַקע גאָט, דער שעפֿער פֿון דער װעלט, געהאַלטן אין אײן זאָרגן װעגן דעם מענטשן, װאָלט אין דער נאַטור ניט געװען קײן אָרט פֿאַר יענע באַשעפֿענישן, װעלכע שטערן דעם מענטשן. אָבער אַזעלכע באַשע-פֿענישן איז פֿאַראַן זײער פֿיל.

די געלערנטע האָבן מיט דער הילף פֿון דעם מיקראָסקאָפּ באַװיזן, אַז כאָליערע, פּעסט (טשומאַ), סיפֿיליס, שװינדזוכט (טשעכאָטקע), טיפֿוס און אַנדערע אָנשטע-קיקע קרענק נעמען זיך פֿון גאָר קלײנע פּיצעלעך לעבעדיקע באַשעפֿענישן — באַקטעריעס, װאָס מיט אַ געװײנלעכן אױג איז זײ אומעגלעך צו זען. די דאָזיקע באַקטעריעס ברענגען דעם מענטשן פֿיל שאָדן. הײַנט װי פּאַרט זיך עס מיט דעם קוק, אַז אַלע לעבעדיקע װעזנס האָט גאָט באַשאַפֿן צוליב דעם מענטשן? צי איז דערפֿון ניט צו זען, אַז דער מענטש איז בלױז אַ טײל פֿון דער נאַטור און אַז ער װאַרפֿט זיך אונטער אירע געזעצן?

װעגן באַקטעריעס און אַנדערע קלענסטע װעזנס האָבן מענטשן גאָרניט געװוּסט אין יענע צײַטן, װען עס האָט זיך באַװיזן די ביבל און אַנדערע „הײליקע" ביכער. דערפֿאַר האָט מען גאַנץ גוט, פֿאַרשטײט זיך, געװוּסט שױן דאַן, אַז אױף דער װעלט זײַנען פֿאַראַן פֿלײ, װאַנצן און אַנדערע פּאַראַזיטן, מע האָט אױך גע-װוּסט װעגן דעם הײשעריק, װעגן גיפֿטיקע שלאַנגען און פֿיל אַנדערע שעדלעכע באַלע-כײַים. דעריבער האָט פֿיל גלײביקע שױן גאַנץ לאַנג געמוטשעט די פֿראַגע: אַנט-קעגן װאָס האָט גאָט געדאַרפֿט אַזעלכע מינים װעזנס, װעלכע ברענגען דעם מענ-טשן אַזױפֿיל צאָרעס?

די גײַסטלעכע האָבן צוגעטראַכט אַן ענטפֿער, אַז דער גאַנצער אומגליק נעמט זיך דערפֿון, װאָס אָדאָם האָט ניט געפֿאָלגט גאָט. זײ זאָגן, אַז בײם גאָט האָט

באשאפן די בײמער, זײנען זײ געװען אינגאנצן אומשעדלעך, אָבער גאָט האָט זײ פֿאַרשאָלטן איבער דעם מענטשנס אװײרע, און דעריבער האָבן זײ געענדערט די נאַטור זײערע, זײער אויפֿפירונג. מיט װאָס זשע האָבן זיך פֿאַרשולדיקט בײמער, װי באַלד געזינדיקט האָבן מענטשן?

פֿאַרװאָס האָט גאָט ניט פֿאַרויסגעזען אָדאַמס זינד, זײן ניט-געהאָרכזאַמקײט? האָט ער, װידער, יאָ פֿאַרויסגעזען, איז פֿאַרװאָס האָט ער דאָס דערלאָזט? ביכלאַל, צו װאָס האָט ער געגעבן דעם מענטשן די אײגנשאַפֿט צו זינדיקן? צי איז דען גאָט ניט פֿאַראַנטװאָרטלעך פֿאַר זײן בעסטע שאַפֿונג?

אויב גאָט האָט אַלץ געשאַפֿן צוליב דעם מענטשן, מוז אַלץ אין דער נאַטור אויך זײן אײַנגעאָרדנט „העכסט קלוגשאַפֿטלעך", צװעקמעסיק. צי קאָן מען אָבער זאָגן, אַז די קאַלטע פּאָליאַר-לענדער אָדער די טרוקענע מידבער עקזיסטירן צוליב דעם מענטשן? שטורעמ-װינטן, פֿאַרפֿלײצונגען, ערדציטערנישן, אויסברוכן פֿון װולקאַנען און אַנדערע גרויזאַמע נאַטור-דערשײַנונגען, — צי ברענגען זײ ניט פֿיל שאָדן דעם מענטשן?

די רעליגיע לערנט, אַז די גאַנצע ערד, די געװיקסן און בײמער האָט באַשאַפֿן גאָט, װעלכער איז קלוימערשט אַ פֿאַרנונפֿטיק און אַלזעליק װעזן.

עס איז אָבער ניט ריכטיק, אַז גאָט האָט באַשאַפֿן די נאַטור פֿאַרנונפֿטיק, אַז אין דער נאַטור איז אַלץ זײער גוט אײַנגעאָרדנט. פֿון דעם מענטשנס שטאַנדפּונקט איז אין דער נאַטור פֿאַראַן אַזױפֿיל אומפּולקומעס, אַז דעם מענטשן קומט אויס איבערצואַרבעטן די נאַטור, צו ענדערן זי. מענטשן גראָבן קאַנאַלן, פֿירן דורך װאַסער אין דער מידבער, טריקענען אויס זומפּן, לײגן דורך װעגן, ציִען אויף נײַע מינים געװיקסן און נײַע ראַסעס פֿי, קעמפֿן קעגן דער טריקעניש און קראַנקײטן אאַװ. אאַז.

אַ מענטש באַם קלאָרן זינען קאָן ניט ניט אײַנזען, װי װילד און אומגעלומפּערט איז די רעליגיעזע לערע װעגן דעם, אַז דער מענטש איז „די קרוין פֿון דער שאַפֿונג" און אַז די װעלט איז געשאַפֿן געװאָרן פֿונדעסטװעגן. די רעליגיע גיט זײער אַ פֿאַרקריפּלטע פֿאָרשטעלונג װעגן דער װירקלעכקײט און באַהויפּטעט אַבסאָליוט פֿאַלש, אַבסאָליוט אומװיסנשאַפֿטלעך, אַז דעם מענטשן און ביכלאַל דאָס לעבן אַף דער װעלט האָט געשאַפֿן אַן אַלקלוגשאַפֿטלעכער שעפֿער.

צי געפֿינט זיך דער מענטש אין צענטער פֿון דער װעלט?

מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז גלײביקע רעכענען, אַז די ערד איז דער צענטער פֿון דער װעלט, אַז זי פֿאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט אין דער װעלט, װײַל אַף איר װױנען מענטשן. צי איז אָבער טאַקע אַזױ אין דער װירקלעכקײט? צי איז ריכטיק, אַז די הימל-ליכטער עקזיסטירן ספּעציעל צוליבן מענטשן?

נאָך אין 1543 יאָר האָט דער גרויסער געלערנטער קאָפּערניק (1473—1543) געענטפֿערט אַף אָט דער פֿראַגע. דאָס איז געװען אַ שטאַרקער קלאַפּ איבער דער ביבלישער אײַנשטעלונג װעגן דער װעלט. דער געלערנטער האָט דערװיזן, אַז די ערד איז ניט דער צענטער פֿון דער װעלט, נאָר בלויז אײנע פֿון די פּלאַנעטן, דאָס הײסט אײנער פֿון די אַנצאָליקע הימל-קערפּער. װי אַנדערע פּלאַנעטן, שטײט ניט די ערד אַף אײן אָרט, נאָר זי באַװעגט זיך אַרום דער זון. אַזױאַרום האָט קאָפּער-

ניק אָפּגענומענ בא דער ערד איר קלימערשט צענטראַלע, פּריווילעגירטע לאַגע אינ דער וועלט.

ווענ מע האָט אנטדעקט דעמ טעלעסקאָפּ, דאָס הייסט דעמ אינסטרומענט, דורכ וועלכנ מע קאָנ זענ זייער ווײַטע קעגנשטאנדנ, האָט קאָפּערניקס לערע באקומענ די פולסטע באשטעטיקונג. דער טעלעסקאָפּ האָט באוויזנ, אז יעקע פּלאנעט, וואָס ווײַזט זיכ אויס, ווענ מיר קוקנ אפּ איר מיט אונדזער געוויינלעכ אויג, אלס אַ באַוועגלעכער שטערנ, שטעלט מיט זיכ פאָר א הימל־קערפּער, וואָס איז זייער ענלעכ אפּ אונדזער ערד. אייניקע פּלאנעטנ זײַנענ פיל גרעסער פאר דער ערד, אָבער די באדײַטונג זייערע אינ דער וועלט איז אויכ נישטיק. מע קאָנ זאָגנ באשטימט, אז די ערד פארנעמט אינ דער וועלט וויניקער אָרט איידער א זעמדעלע אינ דער מידבער, איידער א טראָפּנ אינ אָקעאנ...

די זונ, ארומ וועלכער עס באוועגט זיכ די ערד, איז אויכ ניט עפּעס אַ באַזונדער קערפּער אינ דער וועלט: זי איז בלויז אייגער פונ די שטערנ, וואָס אינ הימל זײַנענ זיי פאראנ זייער פיל. די זונ זעט אויס צו זײַנ גרויס אונ העל בלויז דערפאר, וואָס זי געפינט זיכ פיל נעענטער צו אונדז איידער די איבעריקע שטערנ. פינקטלעכע אויסרעכענונגענ האָבנ באוויזנ, אז ווענ די זונ זאָל זײַנ אזוי ווײַט פונ דער ערד, ווי דער שטערנ, וואָס געפינט זיכ אמנאָענטסטנ צו אונדז, וואָלט זי אויכ געלויכטנ ווי א געוויינלעכער קליינער שטערנ.

די וויסנשאפט האָט באוויזנ, אז די זונ גיט דער ערד זייער א נישטיקנ (סאַכאַקל בלויז $^{1}/_{2200}$־מיליאָניקנ) טייל פונ דער שײַנ אונ פונ דער ווארעמקײַט, וועלכע זי שטראַלט ארויס. די איבעריקע ווארעמקײַט פונ דער זונ ווערט צעשטרייט אינ דעמ הימל־רוימ. הײַנט ווי קאָנ מענ זאָגנ, אז די זונ איז באשאפנ בלויז אפּ צו באלײַכטנ די ערד אונ עקזיסטירט נאָר צוליב דעמ מענטשנ?

שטערנס שטעלנ פאָר מיט זיכ ווײַטע זונענ. זיי געפינענ זיכ אזוי ווײַט פונ דער ערד, אז זיי זעענ אויס ניט מער ווי פינקלדיקע פינטעלעכ, אונ אינ א פינצטערער נאכט, ווענ די לעוואָנע איז ניטאָ, גיבנ זיי אזוי וויניק שײַנ, אז קימאט ווי זיי באלײַכטנ ניט קיינ זאכ אפּ דער ערד.

אזויארומ האָט קאָפּערניקס לערע פארורזאכט א גרויסנ בראָכ אינ דער רעליגיעזער וועלט־אָנשויונג. די גאנצע סיסטעמ פונ רעליגיעזע פאָרשטעלונגענ וועגנ דער וועלט אונ וועגנ דער ראָליע פונעמ מענטשנ אלס צענטער פונ דעמ אלעמענ, וואָס עקזיסטירט, האָט זיכ ארויסגעוויזנ פאר אומגעלומפּערט אונ אומזיניק.

די יידישע רעליגיע אונ אנדערע רעליגיעס זענ אפּ די פארשיידנסטע אויפאַנימ צו פארשווײַגנ די דערגרייכונגענ פונ דער וויסנשאפט. דעריבער איז נאָכ קאָפּערניקנ, ווי פאר קאָפּערניקנ, באהויפּטנ נאָכ אלצ די גײַסטלעכע, אז דער מענטש איז א וועזנ, וואָס גאָט האָט באשאפנ „לויטנ מוסטער אונ דעמ אָנבליק זײַנעמ", וואָס האָט דעריבער קיינ שומ געמיינזאמעס מיט אנדערע כײַעס. אָבער די וויסנשאפט, אינ פערזאָנ פונ דארווינענ, האָט אינגאנצנ פארניכטעט אלע יעסוידעס פונ דער רעליגיעזער לערע וועגנ דעמ מענטשנ. דארווינ האָט באוויזנ, אז פונקט ווי די ערד איז ניט דער צענטער פונ דער וועלט, אזוי איז אויכ דער מענטש ניט „דער צוועק פונ דער שאפונג". דער גרויסער נאטור־פאָרשער האָט דעמאסקירט די גאנ־

צע אומגעלומפּערטקייט פונ דער ביבלישער באַבעמײַרע וועגנ דעמ, אז דער מענטש איז באַשאַפנ געוואָרנ.

דערמיט האָט דאַרווינ, אינ טאָכ גענומענ, פאַרענדיקט די זאַכ, וואָס עס האָט אָנגעהויבנ קאָפּערניק. מיר האָבנ דאָכ געזענ, אז די פאָרשטעלונג וועגנ דעמ, אז די ערד איז דער צענטראַלער פונקט פונ דער גאַנצער וועלט, איז געבויט אפ דער איינשטעלונג, אז דער מענטש איז דער צוועק פונ דער שאַפונג. דער באַווײַז, אז דער מענטש קומט אַרויס פונ דער באַלעכײַמ=וועלט, האָט געגעבנ ענדגילטיק א קלאַפּ דער איינשטעלונג, אז אַלצ אינ דער וועלט עקזיסטירט בלויז פונונדזערטוועגנ.

אזויאַרומ, האָט דאַרווינס לערע וועגנ דעמ אופקומ פונ דעמ מענטשנ צעשמעטערט אַלע רעליגיעז=ביבלישע פאָרשטעלונגענ וועגנ דער וועלט.

ווי אַלט איז די מענטשהײַט?

וויפל זשע צײַט איז אַוועק, פונ זינט עס האָבנ זיכ באַוויזנ די ערשטע מענטשנ? די רעליגיע זאָגט, אז א ריכטיקנ ענטפער אפ דער דאָזיקער פראַגע קאָנ מענ באַקומענ בלויז פונ דער ביבל. איינער אנ ענגלישער גאַלעכ האָט אפילע שוינ געמאַכט דעמ „ריכטיקנ כעזשבנ" — אַלפּי דער טוירע קומט אויס, אז דער מענטש איז באַשאַפנ געוואָרנ 9 אַזייגער אינדערפרי דעמ 23=טנ אָקטיאַבער פונ 5004 יאָר ביז אונדזער צײַטרעכענונג, דאָס הייסט בא 7 טויזנט יאָר צוריק.

לויט דער ביבל קומט אויס, אזויאַרומ, אז דער מענטש האָט זיכ, פונקט ווי די גאַנצע וועלט, באַוויזנ גאָר ניט לאַנג. ווענ אינ מיטלאַלטער פלעגט עמעצער אַרויסברענגענ, אז ער צווייפלט אינעמ דאָזיקנ „כעזשבנ", פלעגט מענ אימ דערקלערנ אַלס העריטיקער און פאַרברענענ לעבעדיקערהייט אפנ שײַטערהויפנ.

די וויסנשאַפט האָט ענדגילטיק אָפּגעוואָרפנ די ביבלישע פאָרשטעלונג וועגנ דעמ עלטער פונ דעמ מענטשלעכנ מינ און פונ דעמ ערד=קויל. שטודירנדיק די גרעב (מעכטיקייט) פונ די שיכטנ פונ דער ערד, האָבנ די געלערנטע אַנטדעקט, אז אינ איינציקע ערטער געפינענ זיכ אָפּזאַצ=אָנשיכטונגענ (דאָס הייסט, אַזעלכע אָנשיכטונגענ, וועלכע האָבנ זיכ אויסגעבילדעט פונ זאַמד, ליימ אא.), וועלכע האַלטנ 56 טויזנט מעטער די גרעב. עס האָט זיכ אַרויסגעוויזנ, אז קעדיי עס זאָל זיכ אויסבילדנ איינ מעטער אָפּזאַצ, האָט געמוזט אַוועקגייענ ניט ווייניקער פונ 500 יאָר, הייסט עס, אז אַזעלכע שיכטנ, וואָס האַלטנ העכער 50 טויזנט מעטער, האָבנ געקאָנט געשאַפנ ווערנ אינ משעכ פונ א וועלכע 28—30 מיליאָנ יאָרנ ווייניקסטנס. מע דאַרפ אָבער רעכענענ, אז ס'איז אַוועק א סאַכ מער צײַט, ווײַל די אונטערשטע שיכטנ ווערנ שטאַרק צונויפגעפרעסט אונטער דעמ דרוק פונ די אייבערשטע.

די ערד האָט עקזיסטירט א סאַכ פריער, איידער עס האָבנ אפ איר אָנגעהויבנ אָנצוזאַמלענ זיכ די דאָזיקע מעכטיקע שיכטנ, וואָס באַשטייענ פונ אָפּזאַצ=מינימ, וועלכע דאָס וואַסער האָט אָנגעטראָגנ: אָפּזאַצ=מינימ האָבנ זיכ געקאָנט דאָכ אויסבילדנ בלויז דאַנ, ווענ עס זײַנענ רוינירט געוואָרנ אַנדערע, פיל עלטערע באַרג=מינימ אונטער דער ווירקונג פונ דעמ וואַסער. וואָס צעשווענקט און פאַרניכטעט די אַלטע, ערשטיקע מינימ. קומט אויס דער כעזשבנ, אז דער ערד=קויל עקזיסטירט א סאַכ מער, איידער 30 מיליאָנ יאָרנ.

פונ א גאַנצער ריי וויסנשאַפטלעכע האַשאָרעס קאָנ מענ מאכנ דעמ אויספיר, אז אייניקע באַרג=מינימ זײַנענ אלט פיל הונדערטער מיליאָנענ יאָרנ. לעמאָשל, אינ אייניקע שטיינער, וואָס באַשטייענ פונ ערשטיקע מינימ, געפינענ זיכ ברעקלעכ בלײַ. די געלערנטע האָבנ אויסגעקלאָרט, אז דער דאָזיקער בלײַ איז אַרײַנגעדרונגענ אינ די שטיינער ניט מיטאמאָל, נאָר ער האָט זיכ אָנגעזאמלט בעהאדראָגעדיק. מע האָט אויסגערעכנט, וויפל, נעמלעכ, בלײַ ווערט אָנגעזאמלט אינ די שטיינער פאר א יאָר צײַט. די סאמע עלטסטע שטיינער זײַנענ יענע, וועלכע האלטנ די גרעסטע צאָל בלײַ. אפ אזא אויפנ האָט מענ פעסטגעשטעלט, אז אייניקע שטיינער עקזיסטירנ ניט ווייניקער פונ 1.500 מיליאָנ יאָרנ.

פונדאַנענ איז געדרונגענ, אז די ערד איז אופגעקומענ נאָכ פריער. א ריי פאקטנ ברענגענ ארופ אפנ געדאנק, אז זי האָט געמוזט אופקומענ העכער 2000 מיליאָנ יאָר צוריק. הייסט עס, אז דער כעזשבנ פונ דער ביבל וועגנ דעמ עלטער פונ דער ערד זעט אויס פאָשעט לעכערלעכ.

אינ צוזאמענהאנג דערמיט איז אינגאנצנ צעשטערט געוואָרנ די ביבלישע פאָרשטעלונג וועגנ דעמ עלטער פונ דעמ מענטשלעכנ מינ. די וויסנשאפט האָט באַשטימט דעמ עלטער פונ יענע שיכטנ, ווו מע האָט אנטדעקט די רעשטנ פונ די אויסגעגראָבענע מענטשנ. אונ איז אזויארומ געקומענ צומ אויספיר, אז די גנאַנדערטאלער האָבנ געלעבט מיט 500 טויזנט ביז 50 טויזנט יאָר צוריק. אָבער די נעאַנדערטאלער שטאמענ פונ די מאלפעס=מענטשנ, אונ, קעדיי עס זאָל אנטוויקלט ווערנ אָט די איבערגאנג=פאָרמע, האָט אויכ געמוזט אוועקגיינ ניט ווייניק צײַט. הייסט עס, אז דער מענטשלעכער מינ איז אלט א היפש ביסל יאָרנ.

אייניקע געלערנטע רעכענענ, אז דער מענטשלעכער מינ איז אלט 2 מיליאָנ יאָרנ. אלנפאלס, פונ זינט עס האָט זיכ באַוויזנ דאָס ערשטע וועזנ, וואָס מאכט געצײַג, איז, אפאָנעמ, אָפגעלאָפנ ניט ווייניקער פונ איינ מיליאָנ יאָרנ. נעמענ מיר אָנ אפילע אָט די ציפער, ווערט דאָכ קלאָר, ווי נאַריש עס איז דער „כעזשבנ“, וואָס עס מאכנ די גײַסטלעכע „אלפּי דער טוירע“.

וועגנ דעמ עלטער פונ דער מענטשהײַט אורטיילנ די געלערנטע אפנ סמאכ פונ די מענטשלעכע ביינער, וואָס מע האָט אנטדעקט אינ פארשיידענע שיכטנ פונ דער ערד. הייסט עס, אז מעסטנ מעסט דער געלערנטער די צײַט מיט דער גרעב פונ די ערד=שיכטנ: וואָס גרעבער עס איז דער שיכט, אלץ מער צײַט האָט געמוזט אוועקגיינ אפ זײַנ אויסבילדונג — פונ זאמד, ליימ אאוו. דאָס איז פאָרגעקומענ אָבער ניט שטענדיק מיט איינ אונ דער זעלבער שנעלקײַט. מאכמעס דעמ קאָנענ מיר ניט באַשטימענ אבסאָליוט פינקטלעכ דעמ עלטער פונ יענע שיכטנ, ווו עס זײַנענ געפונענ געוואָרנ די רעשטנ פונ די אויסגעגראָבענע מענטשנ. דעריבער האָט זיכ די געלערנטע אײַנגעגעבנ צו באַשטימענ דעמ עלטער פונ דעמ מענטשלעכנ מינ בלויז אומגעפער.

די וויסנשאפט האָט פעסטגעשטעלט אבסאָליוט באַשטימט, אז דער עלטער פונ דעמ מענטשלעכנ מינ איז נישטיק קליינ אינ פארגלײַכ מיט דעמ עלטער פונ דער גאַנצער לעבעדיקער נאטור. גיכער פונ אלץ האָט די אנטוויקלונג פונ דער מענטשהײַט פארנומענ אָנדערהאלבנ טויזנט מאָל ווייניקער צײַט, איידער די אנטוויקלונג פונעמ גאנצנ לעבנ אפ דער ערד.

דער מענטש שטאַמט פֿונ דער באַלעכײַמ־וועלט

מיר זעענ אזויאַרום, אז די וויסנשאַפֿט האָט אינגאַנצנ צעשמעטערט די ביבלישע מײַסעם וועגנ דעמ אופֿקומ פֿונ דעמ מענטשנ אונ דערמיט געגעבנ דער רעליגיע זייער א שווערנ קלאַפּ. עס האָט זיכ אַרויסגעוויזנ, אז דער מענטש האָט א לאַנגע קייט עלטערנ, וועלכע זײַנענ ענלעכ אַפֿ אימ אַלצ ווייניקער אונ ווייניקער, וואָס מער מע דערווײַטערט זיכ פֿונ דער הײַנטיקער צײַט אינ דער טיפֿ פֿונ דוירעם.

דער מענטש איז א באַזונדערע זויג־כײַע, וואָס שטאַמט פֿונ א באַשטימטער ראַסע מאַלפּעאַרטיקע כײַעם. יענע, ווידער, שטאַמענ פֿונ נאָכ עלטערע באַלעכײַמ, וועלכע זײַנענ געווענ באַדעקט מיט געדיכטע האָר, האָבנ געהאַט אַנ עק אונ זיכ באַוועגט אַפֿ אַלע פֿיר. די דאָזיקע אורעלטערנ אונדזערע, ווידער, זײַנענ געווענ זויג־כײַעם, וואָס קומענ אַרויס פֿונ אַזעלכע באַלעכײַמ, וועלכע האָבנ געשטאַמט פֿונ רעפּטיליעס. הייסט עס, אז דעמ מענטשנס עלטסטע אורפֿאָטערס זײַנענ געווענ רעפּטיליעס, נאָכ פֿריִער — אַמפֿיביעס, — פֿישאַרטיקע, וואָרעמאַרטיקע אונ, ענדלעכ, איינצעליקע אָרגאַניזמענ. יעדער פֿונ אונדז כאַזערט ווי איבער אינקורצנ אָט אָ־די גאַנצע זייער קאָמפּליצירטע געשיכטע פֿונ דעמ אופֿקומ פֿונ דעמ מענטשנ בײַמ דער עמבריאָנאַלער אַנטוויקלונג.

אזויאַרום, האָט די וויסנשאַפֿט אַבסאָליוט קלאָר אונ דײַטלעכ באַוויזנ, אז די גאַנצע באַלעכײַמ־וועלט שטעלט מיט זיכ פֿאָר א מינ אַלגעמײנע, אומצערײַסלעכע קייט אונ דער מענטש איז בלויז איינ רינגעלע אינ אָט דער קייט.

דער מענטש שטאַמט פֿונ דער באַלעכײַמ־וועלט. מענטשנ זײַנענ אופֿגעקומענ אַפֿ דער ערד ניט מיטאַמאָל, ניט לויט דעמ באַפֿעל פֿונ א געטלעכער קראַפֿט, נאָר אינ רעזולטאַט פֿונ דער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג פֿונ די באַלעכײַמ־אַרטנ, וועלכע האָט זיכ געצויגנ מיליאָנענ מיט דוירעם.

ניט ריכטיק איז אויכ די ביבלישע מײַסע, אז דער מענטש האָט פֿונ אָנהייב אָנ ניט געהאַט קיינ אַווײרעס, אז ער איז געווענ א פֿולקומ וועזנ אונ בלויז נאָכ דעמ, ווי אונדזערע אורעלטערנ זײַנענ באַגאַנגענ די גרויסע „אַווײרע“, האָט גאָט געענדערט די באַציִונג צו דעמ מענטשנ, אונ דער מענטש איז געוואָרנ דער זינדיקער, דער גײַסטיקער קריפּל. פּונקט פֿאַרקערט! ניט פֿונ פֿולקומקײַט הייבט זיכ אָנ די געשיכטע פֿונ דער מענטשהײַט, נאָר פֿונ אומפֿולקומקײַט, פֿונ דער סטאַדיע פֿונ באַלעכײַמ. אונדזער מינ איז פֿונ א נידעריקערנ צושטאַנד אַריבער צו דעמ העכסטנ.

ווערליק די ביבל דערציילט, האָט גאָט אַרײַנגעזעצט די ערשטע מענטשנ אינ גאַניידנ, וווּ זיי האָבנ ניט געוווּסט פֿונ קיינ שום אַרבעט, אָבער דאָס דאָזיקע גליקלעכע לעבנ האָט זיכ אויסגעלאָזט, ווי נאָר זיי זײַנענ באַגאַנגענ די אַווײרע. לויט דער ביבל קומט אויס, אז אַרבעט איז א רעזולטאַט פֿונ אָדאָמס אונ כאַוועס זינד, אז דאָס איז דער טרויעריקער רעזולטאַט דערפֿונ, וואָס אונדזערע אורעלטערנ האָט גאָט געשטראָפֿט פֿאַר ניט־געהאָרכזאַמקײַט אונ האָט פֿאַרטריבנ זיי פֿונעמ גאַניידנ.

אָבער די וויסנשאַפֿט לייקנט אינגאַנצנ אָפּ אָט־אָ די ווילדע, נאַיִווע מײַסע וועגנ דעמ גאַניידנ אונ וועגנ דער ערשטער זינד. זי האָט באַוויזנ, אז די געשיכטע פֿונ דעמ מענטשלעכנ מינ הייבט זיכ אָנ ניט פֿונ קיינ רויִק, גליקלעכ לעבנ, נאָר

פונ א פארביסענעם קאמפ פאר עקזיסטענצ, וואָס דעמ מענטשנס מאלפּעארטיקע אורעלטערנ האָבנ געפירט. בא לענינענ לייענענ מיר: „אז דער אוראלטער מענטש פלעגט באקומענ דאָס, וואָס אימ איז געווענ גייטיק, אלס א פרײַענ געשאנק פונ דער נאטור, — דאָס איז א נאריש מײַסעלע... קיינ שומ גאָלדענער דאָר איז הינטער אונדז ניט געווענ, אונ דער אוראלטער מענטש איז געווענ אבסאָליוט דערשלאָגנ פונ דער שוועריקײַט פונ עקזיסטענצ, פונ דער שוועריקײַט פונ דעמ קאמפ מיט דער נאטור“ (לעניג. ווערק, באנד IV, ז. 182).

דער מענטש איז ארויסגעקומענ ניט פונ דעמ גאנ־עדנ, אלס דער קייסער פונ דער נאטור, נאָר פונ די טיפע אוראלטע וועלדער. אונ פונ די פינצטערע הייל, אלס א מענטשנארטיקע מאלפּע, וועלכע האָט אינ פראָצעס פונ ארבעט זיכ פארמענטשלעכט. ארבעט — איז דער סאמע כאראקטעריסטישער צייכנ פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט, אזוי אז מענטשנ זײַנענ אומטיילבאר פונ ארבעט — אָנ ארבעט וואָלט דער מענטש ניט געקאָנט זיכ אויסטיילנ פונ דער באלעבײַימ־וועלט אונ וואָלט ניט געקאָנט ווערנ דער האר פונ דער נאטור. אָבער אויב די טשערעדע מאלפּעס איז פארוואנדלט געוואָרנ אינ א מענטשלעכער געזעלשאפט בלויז דורכ דער ארבעט, איז פרעגט זיכ — ווי קאָנ מענ רעכענענ ארבעט פאר „גאָטס שטראָף“?

אינ דער אָנפאנגלעכער סטאדיע פונ איר אנטוויקלונג האָט די מענטשלעכע געזעלשאפט ניט געוווּסט פונ קיינ שומ אומגלײַכהײַט. ביז עס האָט זיכ ניט באוויזנ קיינ פריוואט־אייגנטומ אפ דעמ פראָדוציר־געצײַג, האָט ניט געקאָנט זײַנ קיינ שומ קלאסנ־צעטיילונג. דער אופקומ, ווידער, פונ קלאסנ האָט געבראכט דערצו, אז אינ דער מענטשלעכער געזעלשאפט זײַנענ אופגעקומענ פּוסטעפּאסניקעס, וואָס צווינגענ אנדערע צו ארבעטנ פונזייערטוועגנ. פונ דעמלט אָנ האָט זיכ אָנגעהויבנ דער קלאסנקאמפ; דאָס זאטע, זאָרגלאָזע לעבנ פונ יעבידימ איז געוואָרנ די איינציקע סיבע פונ דער האלב־הונגעריקער אונ אונטערדריקטער לאגע פונ פיל טויזנטער. די הערשנדיקע קלאסנ עקספּלואטירנ אפ פארשיידנסטע אויפאנימ, פארשקלאפנ די ארבעטנדיקע מאסנ, פרעסנ ארויס פונ זיי די לעצטע טראָפּנס שוויים. ס'איז קיינ וווּנדער ניט, וואָס אינ אזוינע אומשטענדנ איז פאר דער גרעסטער מערהײַט פונ דער מענטשהײַט די ארבעט־טעטיקײַט ניט פונ די אָנגענעמע זאכנ.

נאָר גאָר אנדערש האלט עס אינ פססר, ווו עס זײַנענ פארניכטעט געוואָרנ די עקספּלואטאטאָרישע קלאסנ אונ ווו עס זײַנענ דערומ פארשווּנדנ געוואָרנ די סיבעס פונ יעטווידער אונטערדריקונג. אינ דעמ לאנד פונ זיגרײַכנ סאָציאליזמ איז די ארבעט צומ ערשטנ מאָל אינ דער געשיכטע געוואָרנ א נויטווענדיקע באדינגונג פונ דער עקזיסטענצ פונ יעדנ איינציקנ מענטשנ. דאָ איז ניט פאראנ אונ עס קאָנ ניט זײַנ קיינ פּוסטעפּאסניקעס, ווײַל אינ אונדזער גרונט־געזעצ — אינ דער סטאלינישער קאָנסטיטוציע — שטייט אזוי: „ווער עס ארבעט ניט, דער עסט ניט“. בא אונדז איז די ארבעט ניט עפּעס אנ אומאָנגענעמע, אופגעצוווּנגענע זאכ. פאר די ארבעטנדיקע פונעמ ראטנפארבאנד איז די ארבעט, לויט דעמ אויסדרוק פונעמ כאווער סטאלינ, געוואָרנ א זאכ פונ ערע, א זאכ פונ רומ, א זאכ פונ מוט אונ העלדנטאט.

צי קאָנ מענ גלייבנ, אז דער מענטש איז אומשטערבלעכ?

אינייגעם מיט דער לערע וועגנ דער געטלעכער אָפּשטאמונג פונ דעם מענטשנ ווערנ אונטערגעהאקט אויכ אנדערע גרונט-זײַלנ פונ דער רעליגיע, אשטייגער, דאָס גלייבנ אינעם אייביקנ לעבנ „אַפּ יענער וועלט“. די פינצטערניש און די אומוויסנהײַט, אינ וועלכע עס זײַנענ געווענ פארזונקענ די ארבעטנדיקע, האָט זיי געצווונגענ צו גלייבנ אינ די מײַסעס פונ די גײַסטלעכע און מיינענ, אז דער מענטש איז באשאָנקענ פונ גאָט מיט אנ אומשטערבלעכער נעשאָמע און אז דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס טיילט אָפּ אינ גרונט דעם מענטשנ פונ דער כײַע. אָבער די וויסנשאפט האָט, ווי מיר האָבנ שוינ געזענ, פעסטגעשטעלט אבסאָליוט קלאָר, אז דער מענטש איז א באַלעכײַ, אז ער איז א טייל פונ דער באַלעכײַים-וועלט און אנטוויקלט האָט ער זיכ פונ א פיל נידעריקערנ וועזנ אינ מעשעכ פונ א לאנגער ריי דוירעס.

די וויסנשאפט האָט דערוויזנ, אז קיינ שום נעשאָמע, אלס עפּעס אזוינס, וואָס זאָל זײַנ אָפּגעזונדערט פונעם קערפּער, איז ניט פאראנ. נאָר אויב מע זאָל אפילע מאסקימ זײַנ אַפּ איינ מאָמענט מיט דער רעליגיעזער אײַנשטעלונג, אז נאָר דער מענטש האָט א געטלעכע נעשאָמע, קומט דאָכ אויפ די פראגע: ווי כאפּט מענ דעמ מאָמענט, ווענ די כײַעס, וואָס פארמאָגנ ניט קיינ אומשטערבלעכע, געטלעכע נעשאָמע, זײַנענ פארוואנדלט געוואָרנ אינ דעם מענטשנ, וואָס באזיצט יאָ אזא נעשאָמע?

דעם דאָזיקנ מאָמענט אָנצוכאפּנ איז אוממעגלעכ, ווײַל ס'איז ניטאָ קיינ שארפער אונטערשייד צווישנ דער נאטור פונ דעם מענטשנ און פונ דער כײַע. דאָס פארוואנדלענ זיכ פונ דער מאלפּע אינ א מענטשנ איז דאָכ פאָרגעקומענ ניט מיטאמאָל, נאָר בעהאדראָגעדיק, אינ מעשעכ פונ א לאנגער צײַט. מוזנ מיר, הייסט עס, אינ טאָכ גערעדט, אײַנגײַנ דערופ, אז ס'איז ניט פאראנ קיינ גרונט-אונטערשייד צווישנ דעם מענטשנס נעשאָמע און דער נעשאָמע פונ דער כײַע! דאָס באטײַט, אז די פאָרשטעלונג וועגנ דער אומשטערבלעכקײַט פונ דעם מענטשנ האָט פונקט אזא גרונט, ווי די פאָרשטעלונג וועגנ דער אומשטערבלעכקײַט פונ דער מאלפּע אָדער ביכלאל פונ יעטווידער כײַע.

אויב עס איז צעשטערט דאָס גלייבנ אינ דער אומשטערבלעכקײַט פונ דער נעשאָמע, וואָס עס באזיצט קלוימערשט דער מענטש, ווערט דערמיט אינגאנצנ אונטערגעריסנ אויכ דאָס גלייבנ אינ „יענער וועלט“. אָבער די לערע וועגנ „אוילעמהאבע“ איז דער מיטלפונקט, דער ערשטער גרונט פונ יעטווידער רעליגיע, ווײַל אַפּ דער דאָזיקער לערע ווערנ אופגעבויט פארשיידענע קלעריקאלע מײַסעס וועגנ „סכאָר וואָוינעש“ (אז גאָט פירט דעם כעזשבנ פונ דעם מענטשנס „אווײרעס“ און „מיצוועס“ און צאָלט יעדנ, וואָס אים קומט). וויבאלד דאָס גלייבנ אינ דער אומשטערבלעכקײַט פונ דער נעשאָמע איז אָפּגעפרעגט, הײַנט ווי קאָנ די רעליגיע צוזאָגנ דעם אונטערדריקטנ, אז נאָכנ טויט קריגט ער זײַנ כיילעק אוילעמהאבע דערפאר, וואָס בייסנ לעבנ האָט ער שטיל געשלעפּט זײַנ שווערנ יאָכ און ניט געבונטעוועט קעגנ די עקספּלואטאָרנ?

לענינ האָט געשריבנ: „דעם, וואָס דאָס גאנצע לעבנ ארבעט ער און נייטיקט זיכ, לערנט די רעליגיע אונטערטעניקײַט און געדולדיקײַט אינ ערדישנ לעבנ, טרייס-

טנדיק אימ מיט דער האָפענונג אפ דער באלוינונג אינ הימל. אונ יענע, וואָס לעבנ פונ פרעמדער פראצע, לערנט די רעליגיע פילאנטראָפיע אינ דעמ ערדישנ לעבנ, פאָרלייגנדיק זיי זייער א ביליקע בארעכטיקונג פאר זייער גאנצער עקספּלואטאטאָרישער עקזיסטענצ אונ פארקויפנדיק פאר א מעסיקער פרייז בילעטנ אפ הימלשנ וווילשטאנד“ (לענינ. ווערק, באנד VIII, ז. 419).

ס'איז קלאָר, אז דערמיט, וואָס די וויסנשאפט האָט דערוויזנ די כייִשע אָפּשטאמונג פונעמ מענטשנ, האָט זי אינגאנצנ אָפּגעוואָרפנ אויכ דאָס גלייבנ אינ יענער-וועלט.

וויבאלד יאָ אזוי, איז צי גייט ניט אונטער אייינצייטיק אויכ דער „יעסאָד פונ די יעסוידעס“ פונ יעטווידער רעליגיע — דאָס גלייבנ אינ גאָט?

צי דארפ מענ גלייבנ אינ גאָט?

דארווינס לערע ברענגט אומפארמיידלעכ ארופ אפנ געדאנק, אז קיינ שומ גאָט אפ דער וועלט איז ניטאָ. די רעליגיע זאָגט דאָכ, אז גאָט איז אנ אלקלוגשאפטלעכ וועזנ אונ אז אלצ אפ דער וועלט האָט ער אייִנגעאָרדנט צוועקמעסיק, קלוג. קוקט מענ זיכ אָבער צו צו דעמ, וואָס עס קומט פאָר אינ דער לעבעדיקער נאטור, אזוי באמערקט מענ, אז ניט אלצ אינ דער נאטור איז גלענצנד אונ פולקומ, אז זי פארמאָגט זייער פיל בייז, זייער פיל פלאָגנ. אָט דער פאקט שטימט אינ קיינ פאל ניט דערמיט, אז עס זאָל מעגלעכ זיינ א פארנונפטיקער שעפער פונ דער נאטור.

עמעס, די אָרגאניזמענ זיינענ אינ אלגעמיינ זייער גוט צוגעפאסט צו דער ארומיקער סוויווע. אדאנק דעמ שאפט זיכ טאקע דער אייִנדרוק, אז אינ דער נאטור איז אלצ פולקומ, אז אלצ איז אינ איר ווי פאָרויסגעזעענ אונ געפינט זיכ אפנ פאסיקנ אָרט. דארווינ האָט אָבער באוויזנ, אז אינ דער באלעכייִמ- אונ געוויקסנ-וועלט קומט פאָר אומופהערלעכ א פארביסענער קאמפ פאר עקזיסטענצ, אז ווייט ניט יעטווידע לעבעדיקע באשעפעניש האָט די מעגלעכקייט צו בלייבנ לעבנ אונ צו פארמערנ זיכ, ווייל אפ יעדנ שריט אונ טריט לאָקערנ אפ איר טויזנטער צאָרעס, פלאָגנ אונ פילצאָליקע פיינט. דער רעזולטאט איז, אז די גאנצע וועלט פונ לעבעדיקע אָרגאניזמענ איז א שלאכטפעלד פונ אנ אומופהערלעכער מילכאָמע, פונ פארביסענער קאָנקורענצ, וואָס ברענגט דערצו, אז עס קומט אומ א קאָלאָסאלע צאָל וועזנס. אפ יעטווידנ אָרגאניזמ, וואָס בלייבט לעבנ, פאלט דאָכ אויס א מאסע אנדערע אָרגאניזמענ, באזונדערס יונגע, וואָס זיינענ אונטערגעגאנגענ אינ דעמ אומבעראכמאָנעסדיקנ קאמפ פאר עקזיסטענצ. מיט איינ וואָרט, דאָס לעבנ פונ איינע וועזנס ווערט געקויפט מיט דער פרייז פונ אומקומ פונ אנדערע וועזנס, אונ אויב די באלעכייִמ אונ געוויקסנ זיינענ צוגעפאסט צו דער ארומיקער סוויווע, איז דאָס בלויז דערפאר, וואָס אלצ, וואָס קאָנ זיכ ניט צופאסנ, גייט אונטער.

דער אומקומ פונ א קאָלאָסאלער צאָל וועזנס, וואָס זיינענ ניט צוגעפאסט צומ לעבנ, שטימט ווייניקער פאר אלצ דערמיט, אז עס איז פאראנ געטלעכע גערעכטיקייט. ווענ די וועלט וואָלט ווירקלעכ באשאפנ אנ אלפולקומענער, אלמעכטיקער גאָט, איז פארוואָס האָט ער זיכ אזוי שלעכט ספראוועט מיט זיינ ארבעט, פארוואָס האָט ער ניט געקאָנט מאכנ אזוי, אז אינ דער וועלט זאָל הערשנ אלגעמיינע

ליבע, אונ ניט אלגעמיינער קאמפ? עמעס טאקע, אינ דער ביבל שטייט, אז גאָט האָט באשאפנ די וועלט אלס א פולקומע זאכ, אָבער דערנאָכ איז געקומענ דער טײַוול אונ האָט אלצ געפּאטערט. וואָס באטײַט עס? דאָס באטײַט, אז גאָט איז ניט אלמעכטיק. ווײַבאלד יאָ אזוי, איז וואָס פאר א גאָט איז דאָס, אונ אינ וואָס באשטייט די מאכט זײַנע איבער אלצ, וואָס עקזיסטירט?

פונ דעמ אלעמענ מוז מענ מאכנ דעמ אויספיר, אז ס'איז ניט פאראנ ניט קיינ גאָט, ניט קיינ טײַוול, ניט קיינ יענע וועלט. אונדזער אויפגאבע איז — אָפּווארפנ יעטווידנ געדאנק וועגנ גאָטס הילפ, אויסבויענ אפ דער ערד א גליקלעכ לעבנ פאר אלע ארבעטנדיקע אונ ניט טרוימענ וועגנ דעמ גאנײדנ, וואָס אזא איז גאָרניט פאראנ. אָט אזוי טאקע טוענ די קאָמוניסטנ, וועלכע ווארפנ אָפּ אנטשיידנ אלע פאנטאזיעס פונ די גײַסטלעכע.

פארוואָס איז די רעליגיע קעגנ דער וויסנשאפט?

דארווינס לערע האָט געגעבנ א צעשמעטערנדיקנ קלאפּ דער רעליגיעזער פאָרשטעלונג וועגנ דער נאטור אונ וועגנ דעמ אופקומ פונ דעמ מענטשלעכנ מינ. דארווינס לערע איז זייער א וויכטיקער מאָמענט אינ דער געשיכטע פונ דעמ מענטשלעכנ פארנונפט.

די אָנהענגער פונ דער רעליגיע קאָנענ, פארשטייט זיכ, אינ קיינ פאל ניט שאָלעמ מאכנ מיט דארווינס לערע. זיי האָבנ גלײַכ פארשטאנענ, אז אָט די לערע איז דורכויס אטעיִסטיש, אז זי ברענגט אומפארמײַדלעכ צו דער אָפּלייקענונג פונ די יעסוידעס פונ דער רעליגיעזער וועלט־אָנשויונג. דעריבער האָבנ די גײַסטלעכע אונ אנדערע אָנהענגער פונ דער רעליגיע אינ* אלע לענדער געקעמפט מיט אלערליי מיטלענ קעגנ דעמ דארוויניזמ, אלס געפערלעכסטנ פײַנט זייערנ.

שוינ אינ 1860 יאָר, אינגיכנ ווי נאָר עס איז דערשינענ דארווינס בוכ וועגנ דער אנטוויקלונג פונ דער לעבעדיקער נאטור, האָט דער אָנגעזעענער ענגלישער ביסקופ ווילבערפאָרס זיכ ארופגעוואָרפנ אפנ דארוויניזמ. ער האָט געמאָלדנ, אז „די דאָזיקע לערע ווידערשפרעכט דעמ הייליקנ שריפט אונ דער געטלעכער אנטפּלעקונג, זי לייקנט אָפּ דעמ שעפער אונ פאָרט זיכ ניט מיט דער פולקײַט פונ זײַנ רומ“. אפ אנ עפנטלעכער פארזאמלונג פונ געלערנטע האָט ער גענומענ באשרײַטנ אונ אויסלאכנ די פאָרשטעלונג וועגנ דער אָפּשטאמונג פונעמ מענטשנ פונ מאלפּעארטיקע וועזנס.

אפ דער זעלבער פארזאמלונג איז בײַגעווענ דארווינס נאָענטער פרײַנט, דער בארימטער געלערנטער העקסלי.

ער איז ארויסגעטראָטנ קעגנ אָט דעמ גאָטס סטראפּטשע אונ האָט אינ א שארפער פאָרמ צעקלאפּט אלע זײַנע האשאָרעס. ער האָט דערוויזנ, ווי לעכערלעכ אונ אבסאָליוט וויסנשאפטלעכ אומבאגרינדעט זיי זײַנענ. העקסלי האָט געזאָגט: „אויב עס איז פאראנ אנ אורפאָטער, וואָס איכ וואָלט זיכ געשעמט וועגנ אימ צו דערמאָנענ, איז דאָס א מענטש, וואָס לאָזט זיכ אוועק אינ וויסנשאפטלעכע געביטנ, וואָס זײַנענ פאקטיש אימ אומבאקאנט, בלויז מיט דעמ צוועק צו פארטונקלענ דעמ עמעס אונ צו דינענ צו רעליגיעזע אָבערגלויבנס“. וועגנ דעמ ביסקופס לעצאָנעס טרײַבנ מיקויעכ דעמ מאלפּישנ אָפּשטאמ פונ דעמ מענטשנ האָט

העקסלי געזאָגט: „בעסער איז צו זײַנ א פּארפּולקומטע מאלפּע, אײדער ארויסקומענ פונ דעגענערירטע אָדאָמס, װעלכע מיסברויכנ מיט דער װיסנשאפט אונ מיטנ װאָרט צוליב דעמ, קעדײ אָפּצושפּעטנ פונ די, װאָס װידמענ זײער גאנצ לעבנ אפ צו זוכנ דעמ עמעס“.

דער אײַנדרוק, װאָס עס האָט געמאכט אָט דער ענטפער, איז געװענ ביז גאָר שטארק. דאָס האָט אָבער, פארשטײט זיכ, ניט געקאָנט שטערנ דעמ אָרגאניזירטנ קאמפ פונ די קלעריקאלנ אונ פארשײדענע שװארצע קױכעס קעגנ דארװינס לערע. אונ װאָס װײַטער עס ציט זיכ דער דאָזיקער קאמפ, אלצ קלאָרער װערט, אז די עכטע װיסנשאפט קאָנ לױטנ טאָכ אירנ אבסאָליוט ניט שאָלעמ מאכנ מיט דער רעליגיע.

דער קאמפ פונ די קלעריקאלנ קעגנ דעמ דארװיניזמ האָט ניט נאָר ניט אופגעהערט, נאָר אינ דער לעצטער צײַט האָט ער אָנגענומענ א באזונדערס שארפנ כאראקטער. די אָנהענגער פונ דער רעליגיעזער װעלט=אָנשױונג שטרעבנ אינגאנצנ צו פארטרײַבנ דארװינס לערע פונ די לערנ=אנשטאלטנ; אינ אײניקע ערטער האָבנ זײ זיכ דערשלאָגנ דערצו.

אזױ, לעמאָשל, איז אינ א רײ שטאטנ פונ צפונ=אמעריקע ארויס א געזעצ, װאָס פארװערט די פּעדאגאָגנ צו פארשפּרײטנ די לערע װעגנ דעמ נאטירלעכנ אָפּשטאמ פונ די באלעכײַימ, געװיקסנ אונ פונ דעמ מענטשנ ניט נאָר אינ די מיטלשולנ, נאָר אפילע אינ די אוניװערסיטעטנ. דאָ ניט לאנג איז דאָרט פאָרגעקומענ א געריכט=פּראָצעס, װעלכנ מע האָט א נאָמענ געגעבנ „מאלפּע=פּראָצעס“: אײנעמ א לערער האָט מענ געמישפּעט דערפאר, װאָס ער האָט זיכ דערװעגט צו געבנ די שילער א פאָרשטעלונג װעגנ דער כײַעשער אָפּשטאמונג פונ דעמ מענטשנ. פאר אָט דעמ „פארברעכ“ האָט מענ אפ אימ ארופגעלײגט א באדײַטנדיקע שטראָפ, ניט געקוקט דערופ, װאָס פארטײדיקט האָבנ אימ די גרעסטע געלערנטע אונ אָנגעזעענסטע אדװאָקאטנ.

צי איז דאָס אלצ ניט דער בעסטער באװײַז, אז די רעליגיע װידערשפּרעכט אינ גרונט דער װיסנשאפט אונ אז זי איז דער ערגסטער פײַנט פונ עכטער קולטור?

װער דארפ האָבנ די רעליגיע?

אלע פארפאָלגונגענ פונ דער װיסנשאפטלעכער װעלט=אָנשױונג זײַנענ מעגלעכ בלויז דערפאר, װאָס די רעאקציאָנערע קלאסנ װילנ ניט, אז די װיסנשאפט זאָל אונטערײַסנ דעמ אױטאָריטעט פונ דער רעליגיע. זײ זײַנענ בלוטיק פארינטערעסירט אינ דעמ, אז די רעליגיעזע אױסטראכטענישנ אונ פאָרורטײלנ זאָלנ בלײַבנ אינ דעמ באװוסטזײַנ פונ די ברײטע פאָלקסמאסנ. געבנדיק די גלײביקע האָרעפּאָשניקעס אנ אבסאָליוט פאלשע, פארקריפּלטע פאָרשטעלונג װעגנ דער װירקלעכקײַט, פארטױבט דאָכ די רעליגיע זײער באװוסטזײַנ, פארװאנדלט זײ אינ אונטערטעניקע אונ הילפלאָזע קנעכט. די װילדע פאנטאזיעס װעגנ גאָט, טײַװל, גענעמ, גאנײדנ, אױלעמהאבע ברענגענ דעמ גרעסטנ שאָדנ די ארבעטנדיקע, װײַל זײ לעשנ דעמ קלאסנ=האס צו די אונטערדריקער אונ װענדנ אָפּ די ארבעטנדיקע פונ דעמ קאמפ פאר באפרײַענ זיכ פונ דעמ דרוק פונ די עקספּלואטאטאָרס.

און בעעמעס, וואָס מיינענ די פראָפעסיאָנעלע און ניט פראָפעסיאָנעלע גייסטלעכע מיטנ פריידיקנ די דאָזיקע פאנטאזיעס? זיי זאָגנ, אז דער עמעסער טייַנעג שמעקט בלויז אינ „אוילעמהאבע", אז דאָס לעבנ אפ דער וועלט איז נאָר א טרעפל אפ צו דערגרייכנ צום גליק אפ יענער וועלט. זיי באהויפטנ, אז „אוילעמהאבע" קאָנ פארדינענ בלויז יענער האָרעפאשניק, וואָס האָט דאָס גאנצע לעבנ זיינס געליטנ שטיל, אָנ פראָטעסט. עס איז קלאָר, אזויארום, אז די רעליגיע שפילט שטענדיק א באשטימטע קלאסעווע ראָליע: אינ די לענדער פונ קאפיטאל ציט זי אָפ די ארבעטנדיקע פונעמ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ קעגנ די אונטערדריקער, אינ אונדזער לאנד, ווידער, שטרעבט זי ניט צו דערלאָזנ דעמ סאָוועטישנ בירגער זיכ אקטיוו באטייליקנ אינ דער אופבויונג פונ דער קלאסנלאָזער געזעלשאפט.

די פאָרשטייער פונ די פאראזיטישע קלאסנ פלוידערנ אפילע אמאָל אויס דעמ „סאָד", צוליב וואָס זיי פארטיידיקנ די רעליגיע. זיי זיינענ זיכ מוידע, אז די רעליגיע דינט אלס מיטל אינ די הענט פונ די עקספלואטאטאָרנ קעגנ די ארבעטנדיקע, אז אָנ איר וואָלט פאר די רייכע געווענ אוממעגלעכ צו פארהיטנ זייער מאכט איבער דער אָרעמשאפט. אזוי, לעמאָשל, האָט דער פראנצויזישער אימפעראטאָר נאפאָלעאָנ באָנאפארט געזאָגט: „די רעליגיע טראָגט אריבער אפנ הימל די אידייענ פונ גלייכהייט, און דאָס ווידער גיט א מעגלעכקייט די רייכע צו לעבנ און ניט מוירע האָבנ, אז די אָרעמע וועלנ זיי פארניכטנ. די אומגלייכהייט פונ פארמעגנ קאָנ ניט עקזיסטירנ אָנ רעליגיע. ווענ איינ מענטש שטארבט פונ הונגער און באנאנד באָדט זיכ דער צווייטער אינ ווילטיק, איז אימ אוממעגלעכ דערמיט שאָלעמ צו מאכנ, אויב ס'איז ניט פאראנ קיינ אויטאָריטעט, וואָס פריידיקט: אזוי איז גאָטס ווילנ, — אפ דער ערד איז רעכט עס זאָלנ זיינ אָרעמעלייט און רייכע, אָבער אפ יענער וועלט, אינ דער אייביקייט, וועלנ די גוטע זאכנ פארטיילט ווערנ אפ אנ אנדער אויפנ".

די רעליגיע לוינט זייער גוט די אונטערדריקער. זי איז אנ אויסגעפרווט מיטל אפ צו פארשקלאפנ גייסטלעכ די אונטערדריקטע קלאסנ, ווייל זי פארהייליקט אונטערדריקונג און שקלאפעריי. ס'איז דעריבער קיינ כידעש ניט, וואָס די רעאקציאָנערע קלאסנ נעמענ אָנ די פארשיידנסטע מיטלענ אפ צו העלפנ די גייסטלעכע צו קעמפנ קעגנ דארווינס לערע און ביכלאל קעגנ דעמ אלעמענ, וואָס פירט צו דער אָפשוואכונג פונ דער רעליגיעזער פארבלענדעניש.

ס'איז פאראנ בלויז איינ לאנד, ווו עס זיינענ געשאפנ אלע באדינגונגענ פאר דעמ אופבלי פונ דער וויסנשאפט און קולטור און ווו עס איז ניט פאראנ און עס קאָנ ניט זיינ קיינ קאמפ קעגנ אטעיזמ. דאָס איז — דער ראטנפארבאנד, ווו עס זיינענ אונטער דער אָנפירונג פונ דער פארטיי פונ לענינ—סטאלינ אפ אייביק פארניכטעט געוואָרנ די פאראזיטישע קלאסנ און עס איז שוינ געשאפנ געוואָרנ די קלאסנלאָזע סאָציאליסטישע געזעלשאפט. דעריבער ווערט אינ אונדזער לאנד געטאָנ אלצ אפ צו באקענענ די ברייטסטע קרייזנ פונ די ארבעטנדיקע מיט דארווינס לערע און מיט אנדערע וויסנשאפטלעכע אידייענ, וואָס לייקענענ אָפ די רעליגיעז־ביבלישע פארשטעלונג וועגנ דער וועלט.

אינהאלט

זײַט

I. לויט דער טוירע נאָך אָדער לויט דער וויסנשאפט?

וואָס לערנט די טוירע? 3
צי איז די ביבל א הייליקער בוך? 4
די ביבל ווידערשפרעכט זיך אליין 5
אין דער ביבל איז פאראן א מאסע אומגעלומפערטקייטן 7
גאָט — איז א פאָרשטעלונג פון דעם ווילדן מענטשן 8
ניטאָ קיין געטלעכעס אף דער וועלט 9
דורכפאל פון דער ביבלישער באָבעמײַסע 11
די גרויסע געלערנטע — דארווין און ענגעלס 12

II. אין וועמען איז דער מענטש געראָטן?

דער מענטש איז א חיה 13
חיהשע שטריכן באם מענטשן 17
אומנוצלעכע טיילן פון קערפער באם מענטשן 18

III. וועגן וואָס זאָגט אײדעס דער מענטשלעכער עמבריאָן?

קעמערל און באפרוכפערונג 19
וויאזוי אנטוויקלט זיך דער מענטשלעכער עמבריאָן? 21
די עמבריאָנאלע אנטוויקלונג און די חיהשע סימאָנים 23
עמבריאָנען פון פארשיידענע חיות 24
דער באווײַז פון דער חיהשער אָפּשטאמונג פון דעם מענטשן 27

IV. פארוואָס און וויאזוי ענדערן זיך די מינים פון באלעכײַים?

צי ענדערן זיך די מינים פון לעבעדיקע וועזנס? 29
פארענדערלעכקייט, ירושעדיקייט, פרוכפערדיקייט 32
עס בלײַבן לעבן די אמערסטן צוגעפאסטע וועזנס 34
מיטלען פון צופאסן זיך צו די לעבנס-באדינגונגען 36
וויאזוי דער מענטש ענדערט די פארשיידענע ראסעס פון באלעכײַים און מינים פון געוויקסן . 73
97

V. װעלכע באַלעבאַטים זײַנען דעמ מענטשנס נאָענטסטע קרױװימ?

דער מענטש אונ די מעטנשנארטיקע מאלפעס 39
װאָס האָט געבראַכט צו דעמ אונטערשייד צװישנ דער מאלפּע אונ דעמ מענטשנ? . . . 41
גלענצנדיקע עקספּערימענטנ איבער מאלפּעס 44
מענטשנארטיקע מאלפּעס זײַנענ אונדזערע בלוט־קרױװימ 45
געמיינזאמע װאָרצלענ פונ דעמ מענטשנ אונ פונ די העכערע מאלפּעס 47

VI. װי איז פאָרגעקומענ די פּארמענטשלעכונג פונ דער מאלפּע?

דער מענטשלעכער מינ איז איינהײַטלעכ 50
רינגענ צװישנ דער מאלפּע אונ דעמ מענטשנ 51
שפּורנ פונ די מאלפּע־מענטשנ 52
שפּורנ פונ די סאמע אוראלטע אונ הײַנצײַטיקע מענטשנ 53
פונ אלע פיר — אפ די פיס 55

VII. פּארװאָס זײַנענ אונדזערע כײַישע אורעלטערנ געװאָרנ מענטשנ?

דער מענטש איז א געזעלשאפטלעכע כײַע 56
װי קעמפט דער מענטש פאר זײַנ עקזיסטענצ? 58
מיט װאָס שיידט זיכ אונטער דער מענטש פונ דער כײַע? 59
פּארװאָס האָט דער מענטש זיכ אויסגעטיילט פונ דער באַלעבאַטים־װעלט? 62
דער מענטש איז א כײַע, װאָס מאכט געצײַג 63
צי קאָנ די הײַנטצײַטיקע מאלפּע װערנ א מענטש? 65

VIII. װאָס זשע איז געבליבנ פונ דער רעליגיעזער לערע װעגנ דעמ מענטשנ?

דער מענטש איז ניט דער צװעק פונ דער גאנצער נאטור 66
צי געפינט זיכ דער מענטש אינ צענטער פונ דער װעלט 68
װי אלט איז די מענטשהײַט? 70
דער מענטש שטאמט פונ דער באַלעבאַטים־װעלט 72
צי קאָנ מענ גלייבנ, אז דער מענטש איז אומשטערבלעכ 74
צי דארפ מענ גלייבנ אינ גאָט? 75
פּארװאָס איז די רעליגיע קעגנ דער װיסנשאפט? 76
װער דארפ האָבנ די רעליגיע 77